STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00369

ALE SHRIFTEN

S. G. Frug

Permanent preservation of this book was made possible by
Paul E. Grayson
in memory of
Rivke Barbee Grayson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע שריפטען

— פון —

ש. פרוג

צווייטער באנד.

פאעזיע.

היברו פאבלישינג קאמפאני

83־85 קאנאל סטריט ניו־יארק.

1910.

Copyrighted by the Heb. Pub. Co., 1910.

אינהאלטס־פערצייכניס.

ציון־ליעדער:

פראָלאָג 3
קרבנות 4
וואָס מאַכט די מאַמע? 7
דער מאַמעס קלאַג 9
אָהן אַ ענטפער 11
אייניקליך 13
דער עגל 15
ביז משיח וועט קומען 17
שטעה אויף! 20
שולמית 21
די תפלה 24
אַ בלעטעל וידוי 31
ציון 38
איכה 40
רנוכת־הבית 46
תחית־המתים 49
אויפ'ן וועג 52
דער גבור 60

ראָמאַנטישע און לירישע ליעדער:

פאָראויס! 65
די פיערעל 67

דער וואַלד־חלום 71
דער אָדלער 75
די ווילדע טויב 77
חברים 79
צוויי אויגען 80
דריי וועלטען 81
די נאַטור 85
פריהלינג־ליעד 89
זומער־ליעדער 92
אַ זומער־נאַכט 95
הערבסט־ליעדער 103
אַ הערבסט־ליעדעל (פאַר חדר אינגלאַך) 108
ווינטער־ליעדער 111
אין אַ ווינטער נאַכט 115
ווינטער־בילדער 119
פֿון טאג־בוך 127
צו מיכל גאָרדאָן 131
אויף מיכל גאָרדאָן׳ס קבר 134
אַ חלום 136
אומוויליגע קרבנות 138
צוויי טאָסטען 143

קריטישע און סאַטירישע ליעדער:

פאַנטאַזיע 149
די קאָרטענוואַרפערקע 152
נאַכט־בילדער 156
משיח׳ס צייטען (ער געהט) 169
משיח׳ס צייטען (די פאַפירענע בריק) 179
אין שמוינעווקע (רייזע־בילדער) 212
נאַכט־ליעדער 227
דער נייער מלמד 245

חברות הוליעט 248
סטיאָפקאָ 252
דריי טעמים 255
גלייבט אַ קשיא 258
דער פרעהליכער גיהנום 260
גוי'ס רויטען פייער'ל (אַ חלום אויפ'ן וואָהר) 268
דער טויטער חתן 281
סקיצען 285
דער נייער ראַבינער 298
אַ מעשה'לע פון אַ געוועזענעם ערד־ארבייטער 310

ציון ליעדער.

פראלאג.

ציה־אן זיעבען פאדעם פון הימלישען שיין,
ציה־אן זיעבען ליכטיגע שטראהלען,
זיי זאלען ווי גאלדענע סטרונעם מיר זיין
און לייכטען, און זינגען, און שאלען!...

מאי־גלעקעליך קלינגען אין פעלד און אין טהאל...
די טייבעליך ווארקען און פליהען,
צו הערען דעם זיסען און טהייערען קול,
די הייליגע ליעדער פון ציון.

עס ציהען זיך ליעבליך די רויז און דער זאנג
אין פעלד און אין גארטען — צו הערען
די ליעדער, אין וועלבע עס זענען פון לאנג
צונויפגעמישט פערל און טרעהרען.

די ליעדער, וואס שלאגען ארוים, ווי א קוואל,
פון הארצען און זידען, און בריהען —
די ליעדער מיט האניג, די ליעדער מיט גאל,
די ליעדער, די ליעדער פון ציון!...

I.

קרבנות.

אט שטעהט א יוד, א פרומער יוד,
ס'איז פשוט א רחמנות,
ווי איצט, אין גלות, לייענט ער
דעם „סדר הקרבנות"...

אַי, אַי! ווי שעהן דאס איז געווען,
בשעת דער מזבח
פלעגט ברענען דארטען און עס פלעגט
פון ווייעך געהן א ריח!...

אט פיהרען קנעכט א פעטען אקס,
וואס וועט א „עולה" ווערען...
די הערנער אויסגעגילדט; א קראנץ
פון רויזען אויפ'ן שטערען...

אט פיהרט מען יונגע שעפסעליך;
אט טראגט מען פרוכט פון גארטען
מיט טויבען, בוימאייל, זעמעל־מעהל...
קרבנות — אלע סארטען.

דער כהן־גדול בענשט דאס פאלק;
די לוים זאגען שירה...
די פיעדעל הויבט דעם ניגון אן,
עס רופט זיך אב די לירע;

די צימבלען זינגען צוקער־זים,
די טאצען האסטיג קלאפען;
עס הודעט־ברומט דער קעסעל־פויק, —
דעם אטהעם ניט צו חאפען...

אוי, וועה איז אונז! און דאס איז אלץ
פערפאלען!...

— — — — — — — — — — — —

ליעבע ברידער!
ס'איז עפּים נאך געווען, וואס איצט
מיר האבען שוין ניט ווידער:

קרבנות — אקסען, ציעגען, בעק?
ניין! אנדערע קרבנות
האט אונזער לאנד געבראכט אמאל,
געאפפערט אהן רחמנות:

גבורים זענען דאס געוועז, —
וואס האבען בלוט און לעבען
פאר זייער גאט, פאר זייער פאלק
מיט פרייד אוועק־געגעבען...

אויף די קרבנות וויין און קלאג,
מיין פאלק, מיט הייסע טרעהרען —,
פון זיי דער אנדענק זאל אין דיר
ניט אויסגעלאשען ווערען!...

ער זאל בעפליגעלען דיין גייסט,
ער זאל איהם ברענען, בריהען,
דו זאלסט געדענקען ביז'ן טוידט
דיין פאטערלאנד, דיין ציון!...

II.

וואס מאכט די מאמע?

וואס הערט זיך, ברודער, אין דער היים?
וואס מאכט די אלטע מאמע?...
אך, ניט פערגעס זי, ניט פער׳שעם, —
זי איז קיין מאדנע דאמע:

זי איז פון יענער אלטער וועלט,
ווען מענשען פלעגען גלויבען,
אז נור א עכטער, שטארקער העלד
דארף זיין ביי׳ם פאלק ערהויבען

נור דער, וואס ווייסט דעם עולם׳ס שמערץ,
דעם ביטערען און שווערען,
און טראגט זיין יאך, און פיהלט זיין הערץ
און וויינט מיט זיינע טרעהרען,

און פיהלט זיך גליקליך, פריש און גוט
ווען גאט בעשערט פערגיסען
דעם לעצטען הייסען טראפען בלוט,
דעם טויט פאר איהם געניסען...

די אלטע מאמע האט אמאל
גע׳האט אזוינע ריזען,
וואס האבען שטארקייט אהן א צאהל
דער גאנצער וועלט בעוויזען.

זי פלעגט זיי קושען יעדע וואונד,
בעוואשען זי מיט טרעהרען...
וואס מאכט די אלטיצקע אצונד?
וואס לאזט זי עפּיס הערען?...

III.

דער מאמעס קלאג.

אין שטויב און אין שמוץ
פערלארען איהר גוטס,
פערלארען איהר לעצטע נחמה...
פערטריקענט, פערבליהט
און קוים וואס עס גליהט,
עס האלט זיך אין איהר די נשמה...

זי ליגט נעבען וועג...
עס ציהען זיך טעג,
עס געהען חדשים און יאהרען.
זי טראכט אהן א שיעור:
—וואס איז דאס מיט דיר,
מיין זוהן, מיין בן־יחיד, געווארען?

אויב גוט איז דיר דארט,
דערמאהן זיך דאך פארט,
ווי מיר איז בעשערט זיך צו מיהען,
דערמאהן זיך, ווי לאנג
ליגט עלענד און קראנק
די אלטע אלמנה פון ציון!...

און אויב דיר איז שווער,
טא קום־זשע אהער,
קום קינד מיינס, אהיים, צו דיין מאמען:
צוזאמען אי פרייד
געניסען, אי לייד,
און לעבען און שטארבען צוזאמען!..."

IV.

אהן א ענטפער.

רבנים, גבירים, הערט דעם רוף,
געהט ברייננט איהר די נחמה:
מיט רייכקייט שטארקען איהר דעם גוף,
מיט פרומקייט די נשמה...

ניטא קיין ענטפער... פוסט און שטום...
דער רב האט אלע מעלות,
וואס מען בעדארף, איז גוט און פרום
און זיצט און פסק'נט שאלות.

געשעפטען טויזענד האט דער גביר
אויף אלע העכסטע גראדען:
א פאבריקאנט און א באנקיר
און נעהמט דערצו פאדריאדען.

דער ערשטער האט צו טהון מיט גאט:
דער צווייטער — מיט'ן פריץ...
אך,ביידע האבען זיי חלאפאט
גענוג אין חוץ־לארץ!

— — — — — — — — — — — —

*
*   *

מתחתן זיך זיין מיט דער „גאלדענער פאהן",
און האבען גרויס כבוד ביי קהל,
דערלעבען אוראייניקליך, בויען א קלויז
און שטארבען אין ארץ־ישראל —

אט דאס פלעגט זיך ווינשען דער עהרליכסטער יוד
און גלויבען, אז אמת צופרידען
איז ארץ־ישראל, וואס איהר איז בעשערט
צו זיין א בית־עלמין פאר יודען...

V.

אייניקליך.

איהר הערט פון דערווייטען א וויינענדע שטימע?
דאס קלאגען זיך, עלענד און ארים,
די חורבות פון ציון; דאס זיפצען און וויינען
די אלטע צובראכענע קברים,

דאס וויינען די הייליגע אלטע מצבות —
פערשווארצט און פערפינסטערט געווארען;
דאס וויינט אונזער מאמע, וואס איז ביי די קינדער
אויף אייביג ארויס פון זכרון...

*

* *

ערקלערט דאס מיר, פריינד מיינע טהייערע,
איך קען דאס אליין ניט פערשטעהען;
ס'איז ממש דאך גאר א פערדרעהעניש,
וואס איז דאס מיט יודען געשעהען?

דאס בעסטע, דאס פיינסטע, דאס טהייערסטע,
פיעל מעהר פון דער גרעסטער רוחה,
פלעגט זיין ביי אונז יחום: אי, גאטעניו,
דער ווארצעל, דער שטאם, די משפחה!..

א קליינינקייט עפּיס — א איינִיקעל!
א צווייגעלע פון עץ־החיים,
רבֿ נחום־מ'צעס אדער רבֿ דוד'לס
א לעבעדיג שטיקעל שירַים!...

און קיינער זאל גאר ניט דערמאנען זיך
אויף דעם, אז מיר האבען פארצייטען
אויך זיידעס געהאט, ניט צו שעמען זיך
מיט זיי ניט פאר גאט, ניט פאר לייטען.

משה רבנו און דוד המלך
און גדעון, און שמשון, און דבורה,
יענע גבּורים, וואס האבען געווארפען
אויף אונזערע שונאים א מורא;

יענע גבּורים, וואס וואלטען אודאי
געוויינט מיט די בלוטיגע טרעהרען,
ווען חאטש א הונדערט־טהייל וואלטען זיי וויסען,
וואס יודען א אמאל ועלען ווערען:

אויסגעדארט, אויסגעקווארט וואהנען אין שכנות,
אין פרעמדע געדונגענע דירות,
דארט וואו געטאגט — ניט גענעכטיגט ביי לייטען
און צאהלען זיי אייביגע שכירות...

VI.

דער עגל.

מיר האט זיך געחלומ'ט: איך בין אין א מדבר
געשטאנען. א שטילע און ליכטיגע נאכט
האט רוהיג געשוועבט איף די זאמדען און סקעליעס.
געצירט זיי אין הימלישען פראכט.

און איך האב דערהערט פון דער וייטענס א שטימע.
א הייליגען, געטליכען קול:
„דו זעהסט די פערברענטע, צוואורפענע שטיינער,
אט דא איז דער עגל געשטאנען אמאל,

„דער עגל, וואס יודעליך האבען פארצייטען
געמאכט און וואס משה האט דעמאלט פערברענט,
פערברענט און צושאטען דעם אש אינ'ם מדבר
אליין מיט די אייגענע הענד.

„עס איז פון דעם עגל קיין זכר געבליבען,
נאר איהם איז געוועזען בעשערט
צו אויפשטעהען ווידער און ווידער בעהערשען
מיט קראפט אייער זינדיגע ערד...

„ער לעבט נאך, ער לעבט נאך, דער גאלדענער אבגאט
ער שטעהט נאך און פונקעלט און בליצט,
נאר ניט אינ'ם מדבר אזוי ווי פארצייטען —
ער איז צו איך נאהענטער איצט:

„ער שטעהט צווישען איך אינ'ם ביטערען גלות;
ער איז אייער ליכט אין די פינסטערע טעג;
ער איז אומעטום וואו איהר קעהרט זיך און ווענדט זיך,
אט וואו נור א סטעזשקע און וואו נור א וועג.

„א טריט ניט צו טהון אהן דעם גאלדענעם יחסן;
ער איז אייער הארר, אייער פאלקס־בעל־הבית...
מע גלעט איהם דעם רוקען, מע קוקט אין די אויגען,
מע שטופט איהם דעם הדם גלייך אונטער דער נאז,

„מע גיט איהם אב כבוד פון אלע פיער זייטען
מע בענשט זיך מיט איהם, מע בעריימט זיך מיט איהם
רבנים, דיינים בעשענען זיין נאמען
און בוקען זיך, קניהען פאר איהם...

„רבנים, דיינים, וואס וויסען, פערשטעהען,
ווי טיעף איז די חרפה, ווי גרוים איז די זינד
צו האלטען ביים עגל אין קנעכטשאפט דעם עולם,
דאס קראנקע און עלענדע קינד"...

. . . .

VII.

„ביז משיח וועט קומען״.

יהי מונח עד שיבא אליהו.
(פון גמרא).

איהר געדענקט? אינ׳ם תלמוד ניט זעלטען קומט פאר
א דין־תּורה, א גאנצער פּראצעס
וועגען געלט אדער חפצים, — מע קלערט און מע רעדט
און מע ארבּייט א גאנצען מעת־לעת:

איינער זאגט: „עס איז ראובן׳ס!״ דער צווייטער זאגט: ניין,
עס קומט שמעון׳ען, לוי׳ן... א כּלל
יעדער תּנא דערוויזט, אז נור ער איז גערעכט.
וואס־זשע זאגען אויף דעם די חז״ל? —

„לאז עס ליעגען ביז וואנען ס׳וועט קומען צו געהן
אליהו־הנביא, און ער
וועט אודאי שוין פּסק׳נען ריכטיג דעם דין,
אלץ באשיידען — וואס, וועמען און ווער״...

יודען־לומדים, רבּנים! שוין צוויי טויזענד יאהר,
אז מע ארבּייט, מע טראכט און מען קלערט
וואס צו טהון מיט דעם ארימען יודישען פאלק,
אויף וואס טויג עס און וואס איז זיין ווערטה?

וואס־זשע, ברידער, זאגט איהר? קורץ און גוט: „מילא וואס,
לאז עם ליעגען און ווארטען מיט אייך,
ביז משיח וועט קומען צו געהן אויף דער וועלט
און דערלייזען אונז אלעמען גלייך״...

גאר ניט שלעכט, חלעבען, האט איהר געמאכט דעם פסק־דין
ובפרט אז דערביי איז פארהאן
א גמרא, אזוי ווי עס פאסט פאר א רב...
וואס־זשע דארף מען א בעסערען פלאן?

אונזער למדן וועט זיצען און קוועטשען די באנק,
עולם־הבא זיך אנגרייטען שען,
און דער גראבער עם־הארץ לאז ליעגען פערשטומט
ביז משיח וועט קומען צו געהן...

מיט'ן גביר וועט מען שטעכען די אויגען אונז... גוט!
געלד אפילו דעם ממזר מאכט ריין...
און דער קבצן לאז ליעגען ניין איילען אין דר'ערד
ביז משיח וועט קומען צו געהן...

לאז ער ליעגען און יעדערער זאל מיט די פיס
טרעטען איהם, גלייך ווי זאמד און ווי שטיין;
לאז ער ליעגען און פיהלען דעם ביטערען יאך
ביז משיח וועט קומען צו געהן...

לאז ער ליעגען אין בלאטע, אין טרויער אין שאנד,
אונ א גליקליכע רגע ניט זעהן;
לאז ער ליעגען און ליעגען אין קרענק און אין לייד
ביז משיח וועט קומען צו געהן...

יודען־לומדים, רבנים! איינם פערלאנג איך פון אייך
אינ׳ם נאמען פון גאט אונזער הארר:
איהר בעטראכט זיך נאר רוהיג, בעקלערט, וואס אויף אייך
די חז״ל וואלטען זאגען דערפאר?!...

VIII.

שטעה אויף.

נײן ליעבער, ברודער, ארימאן!
שטעה אויף! שטעה אויף! עס איז פארהאן
א גאט א שטארקער, ליעבער,
וואס מאכט אין לעבען אלע גלייך,
פון טרויער — פרייד, פון ארים — רייך,
פון שלאפסטען קינד — א גבור...

ניט פרעג ביי'ם רב, ניט פרעג ביי'ם גביר;
די אלטע צרות וועלען דיר
דעם רעכטען וועג בעווייזען.
שטעה אויף! שטעה אויף! וואש אב דעם שטויב
וואס פלעגט דיך מאכען בלינד און טויב;
זיי שטייף און הארט ווי אייזען!

גענוג, גענוג צו קנעטען ליים...
שטעה אויף! די מאמע רופט א היים!...
זאלסט ווי א אדלער פליהען!
א וועג א נייער הויבט זיך אן;
הויב אויף דיין גרויסע אלטע פאהן,
די פאהן, די פאהן פון ציון!...

IX.

שולמית.

שולמית זינגט,
שולמית זינגט,
אין אלטען איילבערט־גארטען...
א יונגער קול,
א ליעבער קול,
צוגיסט זיך זיס פון דארטען
די זינגט, זי רופט:
דו, העלע לופט,
דו, הייסער, טיעפער הימעל,
וואכט אויף פון שלאף!
זאל זיין א סוף
צו אייער אלטען דרימעל.
צינד־אן, דו, נאכט,
אין הימעל־פראכט
דיין שטילען, בלויען פייער...
איהר הערט? איהר זעהט?

מיין חתן געהט,
מיין ליעבער, גוטער, טרייער...
ווי מיעד איז ער!
ווי ביטער, שווער
איז איהם דער וועג געוועזען!
געקריינקט, געדארט,
און אלץ געווארט
ווען גאט וועט איהם דערלייזען.
שטעה אויף־זשע היינט,
מיין טרייסט, מיין פריינד!
ווער פריש און פרעהליך ווידער,
פערגעס דיין לייד,
וועק־אויף דיין פרייד,
גלייך־אויס די קראנקע גליעדער!
קום, קום צו מיר
איך וועל מיט דיר
מיין קראפט און האפנונג טהיילען
דו זאלסט קיין טרעהר
ניט וויסען מעהר.
דעם לעצטען קומער היילען!"...

שולמית זינגט!...
ווי זילבער קלינגט
איהר ליעד — און רויזען בליהען...
שולמית זינגט,
שולמית זינגט,
דאס נייע ליעד פון ציון!...

די תפלה.

„ברוך עלינו יי אלהינו את השנה
הזאת ואת כל מיני תבואתה לטובה“.

איהר געדענקט, ווי שטיל און ערנסט,
אהן געוויין און קלאג,
בעטען מיר דעם בורא עולם
דריי מאל יעדען טאג.

בענש, גאט, אונז דאס יאהר מיט פרוכט און מיט אויבסען,
פון שטורם און האגעל בעוואהר;
גיב טהוי און גיב רעגען די פעלדער און גערטנער
באשער א געראטענעם יאהר!“...

אוי, א ביטערער געלעכטער!
וואס איז דאס געשעהען?
גערטנער יודישע און פעלדער —,
האט איהר זיי געזעהען?

זעקס־זיעבען קרומע, איינגע געסלעך —
מיט שטויב און בלאטע פול;
א מארק, דריי קרעמלעך, א בית־עלמן,
א מרחץ און א שול.

צוויי אלטע, דארע, קווארע בוימלעך,
פון וועלכע גאנץ געשווינד
די ציעגען עסען אב די בלעטלעך,
די צווייגען ברעכט דער ווינד;

עס זעהט דער מענש זיין גאנצען לעבען
קיין גרעזעלע, קיין זאנג, —
דארט שטעהט דער חזן ביי דעם עמוד
און דאווענט מיט געזאנג:

בענש, גאט, אונז דאס יאהר מיט פרוכט און מיט אויבסען,
פון שטורם און האגעל בעוואהר;
גיב טהוי און גיב רעגען די פעלדער און גערטנער
באשער א גערא.טענעס יאהר!״...

א מלמד זיצט אין חדר.
שרעקליך איז דער הוסט,
וועלכער רייסט זיך פון זיין דארע
אויסגעקרענקטע ברוסט;

ווי א שטיין, אי הארט, אי טרוקען,
ביטער ווי דער טוידט
איז פון וויעגעל ביזן קבר
איהם דאס שטיקעל ברויט

און אין איינגשאפט, קראנקהייט, הונגער
שמערצען אהן א צאל
בעט ער אויך דעם בורא־עולם
יעדען טאג דריי מאל:

„גיב אונז, גאט, א גוטען זומער,
גרינעס, פרישעס גראז,
טהוי און רעגען, פרוכט און אויבסען,
תבואות אהן א מאס"...

אט איז א פאקטאר אין אכסניה,
א משרת פאר דער גאנצער וועלט;
ניטא פאר איהם קיין שלאף, קיין אברוה,
קיין טאג, און נאכט, קיין היץ און קעלט;

ער נעהט און לויפט וואוהין מען יאגט איהם;
ער איז צו אלץ געוואוינט פון לאנג;
פארקויפען, קויפען, טראגען, שלעפען;
און אפט בעקומט ער פאר א דאנק

א זידלעריי, א גראבע קללה,
און, אז עס קומט אריין אין קאפ
דעם פריץ נאך א דריי־פיער כוסות,
פליהט אויך א גוטער, הייסער קלאפ...

דעם גאנצען טאג, פער׳שמאכט, פער׳חוש׳כ׳ט,
לויפט אוים ער צוואנציג מאל די שטאדט;
פארנאכט שטעלט ער זיך מנחה דאווגען
און בעט דעם ליעבען, גרויסען גאט

אויף טהוי און רעגען פאר די פעלדער,
אויף זיסע פרוכט, אויף גרינע גראז,
אויף גארבען פול מיט שווערע זאנגען,
אויף ווייץ און קארען אהן א מאס

אט געהט אנ׳אלטער יוד א שניידער,
געלערענט האט ער זיך ניט פיעל,
נאר ער איז קלאר אין דער מלאכה,
שניידט־צו און נעהט ווי יעדער וויל

פון דארף צו דארף מיט שעהר און נאדעל
געהט ער ארום די גאנצע וואך;
איז גרייט און פלייסיג צו דער ארבייט
ווי נאר א רים, ווי נאר א לאך.

א גילדען נעהמען אויב ס׳איז מעגליך
איז גוט אודאי: נאר, פאר נויט,
נוצט אויך א ביסעל מעהל מיט גרויפען,
קארטאפליעס, הירש, א לאבען ברויט;

אבי די זינדיגע נשמה
צו אונטערהאלטען, קינד און ווייב
ניט לאזען הונגערען — און טראגען
א שטיקעל העמד האטש אויפ'ן לייב.

און אייביג ווארטענדיג און האפען
פון פרעמדע הענד דאס שטיקעל ברויט
צו שחרית, מנחה און צו מעריב
איז ער מתפלל ביז'ן טוידט

אויף טהוי, אויף ווארעמקייט און רעגען
פאר פרעמדען גארטען, פרעמדע פעלד
פון וועלכע נאר צו קלייבען ברעקלעך
איז ער געבארען אויף דער וועלט...

אט געהט א בעטלער. אין א שטעדטיל,
וואו ס'איז פון עק ביז עק
אויך ביי די פיינע בעלי־בתים
א ארעמקייט — א שרעק,

דארט געהט ער בעטלען אין די הייזער,
דארט קלייבט ער שטיקלעך ברויט,
וואס אפשר נאר א הונד פון הונגער
וואלט עסען זיי פאר נויט.

אויף וואס קאן ער אייך לעבען האפען?
נאר הער זיך צו, בעטראכט —
אויך ער דער בעטלער, איז מתפלל
פריה'מארגען און פארנאכט

אויף טהוי און רעגען פאר די פעלדער,
אויף פרישע, גרינע גראז,
אויף גארבען פול מיט שווערע זאנגען,
אויף קערנער אהן א מאס...

דו, ליעבער גאט, דו, שטארקער גאט,
געשטראפט מיט גרויסע לייד און צארען —
אין נויט און טרויער, שאנד און שפאט
א בעטלער איז דיין פאלק געווארען...

דערבארעם זיך! גיב אויף דער וועלט
איהם חאטש א שטיקעל גליק דערזעהען:
גיב איהם אנ'אייגען, אייגען פעלד
אליין צו אקערען און זייען.

גיב איהם א וואלד, א גארטען; גיב
איהם זיינע אלטע לייד פערגעסען —
ער זאל דערפיהלען ווי ס'איז ליעב
אנ'אייגען שטיקעל ברויט צו עסען.

און צו דער ארבייט פריש און גרייט —
זיין אלטעס, קראנקעס הערץ דערקוויקען —
זאל ער מיט האפנונג און מיט פרייד
צו דיר די ליעבע תפלה שיקען:

בענש אונז, גאט, דאס יאהר מיט פרוכט און מיט אויבס
פון שטורם און האגעל בעוואהר;
גיב טהוי און גיב רעגען אויף אונזערע פעלדער
גיב אונז א געראטענעם יאהר!"

א בלעטעל ודוי.

(1890)

ווי פויל און ווי שלעפעריג קריכען די טעג,
ווי גיך אבער פליהען די יאהרען!
ווייט, ווייט איז נאך ביז צו דעם עק פון מיין וועג,
און זעהט, ווי איך בין שוין פער׳חושב׳ט געווארען!
געבויגען דער רוקען און גרוי איז דאס האר,
פערטריקענט די באקען, אין קנייטשען דער שטערען,
די אויגען פערטונקעלט פון ביטערע טרעהרען...
אך, ברידער!—מיר געהט ערשט דער דרייסיגסטער יאהר?...

„בן שלשים לכח!״ — נו טאקע, ווי דען?
איהר ווייסט דאך, דאס זאגט די גמרא...
טא נעהמט־זשע, זייט מוחל, איך בעט איך, א פען,
און רעכענט נאר אויס, קיין עין־הרע,
א קימא לן, ווי פיעל דארף זיין איבעראל
ביי יודען גבורים? — א שרעק בנאמנות!
אין לוצין, אין פינסק, אין בערדיטשעוו — א כלל
א פאלק פון גבורים — אנ׳אימה, סכנות!

א פאלק פון גבורים! און ווי נאר א יוד —
א גלית הפלשתי, א שמשון הגבור!
עס קאכט ווי א קעסעל, עס ברומט און עס זידט,
עס ציטערט די ערד אונטער איהם ווי פון פיבער,
מע ארבייט, מע הוליעט, מע טרינקט און מע עסט,
מע באדט זיך אין שפע; און וואו נאר א הייזעל,
און וואו נאר א מנין, און וואו נאר א קלייזעל —
א לאגער פון לייבען, פון אדלערס א נעסט!

אך, לייבען און אדלערס! איך בין אויך אמאל
אנ'אדלער געוועזען: מיט ליכטיגע אויגען,
מיט קראפט און מיט האפנונג אויף בערג און אויף טהאל
אויף טייכען און פעלדער געשוועבט און געפלויגען;
מיר האבען די שטערען פון הימעל געגריסט,
די וואלקענס צו פיסען געשפרייט זיך,
די וועלדער געזונגען, די טייכען געפליסט —
געזונגען, געשיינט און געפרעהט זיך,

די וועלדער און פעלדער ארום און ארום,
די וואלקענס און שטערען, די טייכען און קוואלען,
דאס גרינינקע בלאט און די ראזאווע בלום —
בעשפריצט מיט דעם טהוי און בעשיינט מיט די שטראהלען—

דער זילבערנער שניי און דער גאלדענער זאנג,
די ערד און דער הימעל פון אונטען און אויבען —
אלץ, אלץ האט געזונגען פון האפנונג און גלויבען,
און זיס איז געווען זייער ליעבעס געזאנג!

די גאנצע נאַטור איז מיין רבי געווען:
זי האט מיך געלערענט אי זינגען, שפּיעלען,
זי האט מיך געלערענט אי דענקען, אי פיהלען,
זי האט מיר געצייגט וואס איז מיאוס און וואס שעהן,
דאס הארץ זאל זיין פריש און דער קאפּ זאל זיין ניכטער
צו אלץ זאל איך האבען א וואג און א מאס...
און איך בין געווארען, צו מזל, א... וואס?
א דיכטער, רבותים, א יודישער דיכטער!

איהר ווייסט וואס דאס איז? וואס דאס האט פאר א ווערטה?
פון וואנען דאס נעהמט זיך?... אך, לאזט מיך צופריעדען!
פערשאלטען איז דער, וועמען גאט האט בעשערט
צו זיין א משורר... ביי יודען!
א משורר — א כלי־זמר, א בדחן איז ער:
א גראם און א ווערטעל, א ליעדעל, א ניגון,
א דרעה זיך אהין און אקרים זיך אהער —
דער עולם זאל האבען פון איהם פערגניגען.

און ווען איז צו איהם, אויב עס זיצט אין זיין ברוסט
א לעבעדיג הארץ, פול מיט ליעבע און צארען,
וואס לאזט איהם ניט מאכען צו שפאס און צו לוסט
די ארפע, וואס איז איהם געגעבען געווארען
ער זאל אויף איהר שפיעלען דאס הייליגע ליעד
פון האפנונג און ליעבע, ער זאל מיט זיין שפיעלען
ערוועקען די גוטע און ריינע געפיהלען
פון טרייהייט און עהרליכקייט, פריינדשאפט און פריעד.

יא, וועה איז צו איהם! — ער וועט זיין ווי דער קול
וואס שרייט אין דער מדבר צו שטיינער און ביינער:
עס וועלען איהם הערען דער בארג און דער טהאל,
דער וואלד און דאס פעלד... אבער מענשען—ניט איינער!
א יוד וועט זיך נעהמען דאס בערדעל אין האנד,
וועט שטעהען דעם קאפ אויף א זייט אנגעבויגען,
וועט הערען מיט אויערען, קוקען מיט אויגען
און טאקע פערשטעהען... אזוי ווי די וואנד!...

אך, זאגט מיר, ערקלערט דאס מיר ריכטיג און גוט
וואס איז דאס מיט יודען געווארען? —
אזוי פיעל געליטען אין שרעק און אין צארען,
אזוי פיעל פערגאסען אי טרעהרען, אי בלוט;

א טאג געהט ניט פאָר, וואס ער זאל ניט צוקראצען,
צושטעכען א מכה אט וואו נאר א גליעד;
עס שיטען זיך צרות ווי באב — און א יוד? —
א יוד דארף א כלי־זמר מיט פויקען און טאצען.

א בדחן מיט גראמען און ווערטלעך; אט דאס
פערשטעהט ער, אויף דעם איז ער, זעהט איהר, א מבין;
עס וואקסט אין איהם פשוט דאס הארץ ווי אויף הייוען,
ער טרינקט פון דעם נחת און פרייד אהן א מאס;
א פשט׳ל א ווערטעל, א נגון, א ליעדעל,
א מעשה, א חידה, א גראם און א שפיעל...
פאר וואס־זשע זינגסט דו אזוי טרויעריג, שטיל,
מיין, פיעדעל, מיין אלטע, צובראכענע פיעדעל?

וואס ויינען און זיפצען די סטרונעס אזוי?
עס גיסט זיך א קלאג פון אנ׳אבל:
„פיעל יאהרען צוריק אויף די טייכען פון בבל,
אין אייזערנע קייטען, אויף שטיינער און שטרוי
איז עלענד געלעגען די טאכטער פון ציון
די וויסטע אלמנה״... „— נו, זינג־זשע מיר היינט
די ליעדער פון ציון״!... האט צו איהם געשריען
דער פרעהליכער, גליקליכער פיינד.

„ניין, איך וועל ניט זינגען די טייערע ליעדער,
די ליעדער פון ציון, פון הייליגען לאנד
פאר יענעם. ביי וועלכען אין בלוט איז די האנד...
זייט שטאלץ, מיינע קינדער, זייט שטאלץ, מיינע ברידער!
בעהאלט זיי, די טייערע ליעדער, פערשליעסט,
בעגראבט זיי אין אייער פערקוּמערטען הערצען,
הילט איין זיי אין אייערע ליידען און שמערצען,
בעדעקט זיי מיט ליעבע, מיט טרעהרען בעגיסט!"

איך זעה זי אין רוים צווישען בערען און לייבען,
וואס רייסען אויף שטיקער איהר עלענדע ברוסט...
איך זעה זי אין שפאניען, צו שפאט און צו לוסט
איהר רייכטהום, איהר נאמען, איהר כבוד, איהר לעבען...
איך זעה זי אין פינסטערע וועלדער אליין,
אויף טייכען און ימים פון אלע פיער זייטען, —
און זיכער און שטאלץ, הויך און קרעפטיג, און ריין
טהוט פליהען צו מיר איהר צואה פון ווייטען:

„— זייט שטאלץ, מיינע קינדער! זייט ערענסט, בעשענט
דעם הייליגען נאמען, מיט וועלכען פארצייטען
איהר האט געשטאלצירט אי פאר גאט, אי פאר לייטען!
היט אב און בעשיצט אייער עהרע; בעקריינט

דעם ליעבען און טייערען נאמען פון ציון...
זייט שטאלץ, מיינע קינדער!..."

אט דאס איז רב יוד,
פון אנפאנג געוועזען דאס איינציגע ליעד,

צו וועלכעס מיין הארץ פלעגט זיך רייסען און ציהען.
דאס הייליגע ליעד זינג איך, ברידער, אויך איצט —
עס טריפט פון מיין הארצען מיט בלוט און מיט טרעהרען!
עס לויכט מיר אין לעבען, עס פינקעלט און בליצט,
אזוי ווי ביינאכט אין דער פינסטער די שטערען.
מיט פיעל שווערע, זומפיגע, פינסטערע טעג
האט גאט מיך געטהון אין מיין לעבען בעשטראפען;
פיעל גריבער, פיעל שטיינער געטראפען.

נאר איינס איז מיין טרייסט: זאל עס זיין נאך גאנץ ווייט
און לאנג נאך צוווארטען —, איך האף אבער, ברודער,
איך גלויב: עס וועט קומען א ליכטיגע צייט
פאר מיינע פערוויינטע, פעריאמערטע ליעדער;
עס וועט זיך געפינען אנ׳ערנסטעס הערץ,
א לעזער, וואס וועט צו מיר זאגען:
„וויש אב דיינע טרעהרען און טהו אב דיין שמערץ:
דיין ליעד אין מיין הארצען וועל אייביג איך טראגען!"

ציון.

ווי וואלקען אין שטורם־ווינד, לויפען און פליהען
אהן אנפאנג, אהן אויפהער די שטונדען און טעג;
די אלטע אלמנה — די טאכטער פון ציון
זיצט טרויעריג, איינזאם ביי'ם וועג...

פיעל רייזענדער פאהרען פארביי איהר און געהען,
זי װענדט זיך צו זיי מיט א ביטער געוויין:
אך, זאגט מיר, צי האט איהר מיין קינד ניט געזעהען,
מיין עלענדען יתום?... „— ניין, אלטיטשקע, ניין!"...

זיי געהען און רייטען
פון אלע פיער זייטען
צו'ם אלטען מזבח אין הייליגען לאנד...
די טאכטער פון ציון
טהוט וויינען און קניהען,
אין שטויב צו פערבארגען איהר וועהטאג און שאנד...

עס גערען און גערען א טאג נאך א טאג,
עס פליהען די וואלקען, עס יאמערט דער ווינד:
און טרויעריג גיסט זיך א ביטערער קלאג:
„— וואו ביסטו, וואו ביסטו, מיין קינד?!"

„איכה".

מה אשוה לך ואדמך,
בתולת בת־ציון ?...
(איכה, ב׳.)

די זון געהט אונטער, טונקעלער און לענגער
צושפרייטען זיך ארום די שאטענס אויף דער ערד;
די אלטע בוימער שטעהען ווי פערקלערט;
דאס סטעזשקילע אין וואלד זעהט אוס אלץ שמאלער, איינגער:
דער אווענד־שטערן גיסט זיין שטילע, קאלטע שיין...
שלאף איין, מיין קראנקעס הארץ שלאף איין!...

די נאכט איז שטום, די נאכט איז טויט... נאר ווער
שטעהט אויף פאר מיר? א בילד, א בילד אוס אלטע צייטען
שוועבט, וויעגט זיך ווי א שאטען פון דערווייטען...
איך קוק זיך איין אין דעם געשטאלט... איך הער
א ווידערקלאנג פון וואפען, פון געוועהר...
איך זעה די פאהן פון רוים... די פאנצערס גלענצען, גליהען...
די מויערברעכערס קריכען האסטיג, שווער...

די טורמען פאלען איין... די אלטע אדלערס פליהען
אויף דיינע חורבות, אומגליקליכע ציון!...
און ווי א קוואל פון גיפט זידט־אויף און שלאגט אין מיר
דער אלטער האס, דער טיעפער האס צו דיר,
בת־בבל, בייזע שלאנג! צו דיר, מיין גרעסטער שונא,
רוים! רוים!!...............
....
....

*   *

*

צי זעה איך אין חלום דאס שרעקליכעס בילד?
מיר דאכט זיך—„ער״ שטעהט אויף מיין בעט אנגעבויגען..
עס פונקלען פערוואונדערט אויף מיר זיינע אויגען...
זיין שטימע קלינגט רוהיג, זיין שטימע קלינגט מילד:
— „וואס האסטו צו מיר? וויפיעל הונדערטער יאהרען
פערפאלגען מיין זכר דיין האס און דיין צארען!...
בעקלער דאס, בעטראכט — ווי נאַאיוו און ווי ווילד!
„— יא, אמת, מיין קראפט און מיין מאכט צו בעווייזען
בין פריי איך געגאנגען מיט שטאהל און מיט אייזען,
די טורמען, די פעסטונגען, טהויער און ווענט
געשטויסען, געבראכען, צוהאקט און פערברענט;

אי קינדער, אי זקנים, געקוילעט, געשאסען,
די גאסען מיט בלוט און מיט טרעהרען בעגאסען;
איך בין אין דיין הייליגען טעמפעל אריין,
דיין ווירעך, דיין זעמעל־מעהל, בוימאייל און וויין,
דיין שמן־המשחה, דיין לחם הפנים,
די איידעלסטע זאלבען, די טייערסטע בשמים
צעווארפען, צושפריצט אויף די ווענט, אויף דער ערד,
צומישט און פערטרעטען אין קויט פון די פערד...
צו שאנד און צו שפאט איז דיין כבוד געווארען —
די ריינע מזבחות, די כרובים, דער ארון,
דיין קראפט און דיין פרייהייט, דיין שווערד און דיין שילד...
יא, נמאס דארף זיין דיר מיין שרעקליכעס בילד,
פערשענדעט מיין נאמען, פערהאסט יעדער אבר
פערשאלטען אפילו די ביינער אין קבר...
איינס אבער פערגעס ניט — ווי פרעמד און ווי ווייט
מיר זענען געוועזען אין אונזערע צייטען
פון איצטיגען לעבען, פון איצטיגער צייט,
זאג אפען און ערנסט פאר גאט און פאר לייטען —
וואס האסטו צו מיר? יא, איך, רוימישער העלד.
איך, טיטוס „הרשע״, בין אפען געגאנגען,
ניט חנפנ׳ען גאט און ניט נארען די וועלט.

קיין שם־טוב און קיין עולם־הבא פערלאנגען;
פריי, אפען געשוואומען מיט אייזען און שטאהל
אין בלוט און אין טרעהרען אויף בארג און אויף טהאל,
געשטאכען, געשאסען, געריבט און געפאנגען,
קרבנות געשעכט אהן א מאס, אהן א צאהל,
דערפאר אבער האב איך קיין פרומע העזיות,
קיין זיסינקע מינעס פאר קיינעם געמאכט,
קיין אויסריידען פאלשע, הסכמות און ראיות —
אז איך בין גערעכט — ניט געזוכט, ניט געבראכט...
גערעכט! נו, אודאי: מיין קופערנער פאנצער,
מיין שטאלענער שווערד און מיין אייזערנע האנד,
מיט וועלכע א תל מאכען בין פון דער גאנצער
פערציטערטער וועלט איך געוועזען אימשטאנד —
מיין שווערד און מיין האק, מיינע שפיזען און פיילען
וואס פלעגען צושפאלטען אי פעלזען אי זיילען,
זיי, זיי זענען עדות געוועזען פאר דער וועלט,
אז איך בין גערעכט — איך, רוצח און העלד!...
מען האט מיט די גלאקען פאר מיר ניט געקלונגען
קיין ווייראך גערויכערט, קיין תהלים געזונגען,
ניט הייליג געמאכט מיין רוצח'שע האנד
כדי צו פארדעקען איהר בלוטיגען שאנד.

אזוי ווי דערנאך, פיעל־פיעל הונדערט יאהר שפּעטער
אין איצטיגען רוים, וואו, מיט שפּינוועבּס און שטויבּ
בּעדעקט, שטעהען אומעטיג, בּלינד, שטום און טויבּ
די אלטע, די נארישע רוימישע געטער...
אין איצטיגען לעבּען, אין היינטיגער וועלט,
וואו, פריי ווי אנ׳אדלער און שטארק ווי א העלד,
פערשפּרייט זיינע ריינע, אלמאכטיגע פליעגעל
איין־איינציגער ליכטיגער גאט, וועלכער הייסט
גענאד, בּארעמהארציגקייט, ליעבּע און טרייסט.
דער גאט, וואס אפילו א זויג־קינד אין וויעגעל
הויבּט אן שוין צו ליעבּען זיין כּשר געזיכט
און ווארימען זיך אין זיין הייליגען ליכט״ . . .
. . . .

* *
*

די נאכט איז שטיל... א טיעפער דרימעל
בּעהערשט די וועלט... ווי פינסטער, נאס
און איינג איז אונזער אלטע גאס!...
בּעדעקט מיט וואלקען איז דער הימעל...
שלאף, קראנקעס הארץ!... איך פיהל, איך וויים —
די זונן מוז אויפגעהן העל און היים.

די נאכט, די שווארצע נאכט פעריאגען.
דערווייל... דו הערסט דאס ווילד געשריי
פון סאוועס? הערסט דאס וואיען, קלאגען
פון וועלף?... די נאכט איז פריי פאר זיי
ביז וואן סוועט אנהויבען צו טאגען...
טא געה־זשע, אלטער אבל, געה
די אלטע, אלטע „איכה" זאגען!...

חנכת־הבית.

„...ואין לנו רשות להשתמש בהן
אלא לראותן בלבד...

וויעדער ברענט דאס אלטע לעמפעל
אויפ'ן הויכען, שעהנעם ארט.
יעדעס הייזעל איז א טעמפעל,
א מזבח פונקעלט דארט.

וויפיעל צייט איז שוין אריבער,
ס'קלאפט די עלטער שוין אין טהיר...
נאר מיר דאכט־זיך, אז דער ליעבער
זיידע וויעדער רעדט צו מיר:

— „זעהסט, מיין קינד? אכט גרויסע שטערען
געהען־אויף אין הימעל־פראכט,
און די שאטענס בלייכער ווערען,
העלער ווערט די שווארצע נאכט.

„ריין און הייליג, ליעב און טייער
דארפען אונז אויף אייביג זיין
זייער שטילער, מילדער פייער,
זייער ליכט און זייער שיין:

„פאר אנ'אייביגען זכרון
פון דעם נס אין יענע יאהרען,
ווען מיר האבען מיט'ן שווערד
אונז די פרייהייט אומגעקעהרט.

„האט אונז גאט די ליכט געגעבען;
נוצען זיי דערפאר אין לעבען
טאר מען ניט – א גרויסע זינד
וואלט עס זיין, מיין ליעבעס קינד!"...

ניין, זיידע! שוין צוויי טויזענד יאהר אז עס ברענט
די הייליגע מנורה, — און מיר?
מיר זיצען צונויפגעלעגט רוהיג די הענד,
מיר זיצען פער'חלומט, מיר זיצען פערבלענדט,
מיר זיצען און קוקען אויף איהר.

ניין! גרויס איז די ארבייט, וואס ליעגט אויף אונז; שווער
און ווייט איז דער הייליגער צוועק,

דער צוועק, וואס דאַרף זיין אונזער איינציג בעגעהר,
וואס רופט אונז צו שטרייטען אהן אייזען־געוועהר,
אהן פייער, אהן צארען און שרעק...

שווער, זיידע, און גרויס איז די אַרבּייט! פיעל טעג
און נעכט וועלען לאנגזאם זיך ציהען,
ביז וואנען מיר וועלען דערגרייכען צום ברעג...
טאַ בּרעק־זשע און שיין און בּעלייכט אונזער וועג
דו, הייליגע מנורה פון ציון!...

ווי לאנג זאל ניט זיין נאך און פינסטער די נאכט, —
דו בּיזט אונזער האפנונג, דו בּיזט אונזער מאכט,
דאס גאנצע, דאס לעצט־בּיסעל חיות;
דו דאַרפסט אונזער פיהרער און וועגווייזער זיין,
עס זאל אונזער אַרבּייט בּעלייכטען דיין שיין,
ליכט, ליכט פון חנכּת הבּית!...

תחית המתים.

עס לייכט און שיינט דער אבענד־שטערען
אין בלויען אייביגען געצעלט,
קיין איינציג וואלקענדיל אין הימעל,
קיין שטילעס ווינטעלע אין פעלד.

אלץ רוהט און דרימעלט שטיל און זיכער
און נור פאר דיר, מיין קראנקעס קינד,
נישטא קיין רוה, נישטא קיין פריעדען...
די נאכט איז טויב, די נאכט איז בלינד,

די שטערען פיהלען נישט דיין וועהטאג,
זיי זענען העל, נאר קאלט ווי אייז...
די סאוועס גלאצען מיט די אויגען,
עס פליהען שווארצע פלעדערמייז...

נאר אויף דעם אלטען בית־הקברות
איז וואך א פויגעלע און זינגט,
ווי פערעל שיטען זיך די טרעלען,
דאס ליעדעלע ווי זילבער קלינגט...

זי זינגט: „א גרוס אייך, אלטע קברים
א ליעבען גרוס האב איך געבראכט...
ווי שרעקליך טיעף איז אייער חלום
און שרעקליך פינסטער אייער נאכט!

„נור פרעכטיג איז דער מארגען־שטערען,
וואס וועט — ערשיינענד העל און ריין —
בעלייכטען אייער שווארצען חלום,
דערווארמען אייער קאלטען שטיין.

„משיח געהט און ער וועט קומען,
דער גואל־צדק! יא, איך האף,
ער וועט אייך אויפוועקען צום לעבען
פון אייער לאנגען טויטען שלאף!״...

*

* *

דו נאריש פויגעלע! דיין ליעדעל
איז מיר בעקאנט א לאנגע צייט;
„משיח געהט און ער וועט קומען״,
נאר — אוי, ווי ווייט איז ער, ווי ווייט!

די מתים קענען רוהיג ווארטען;
האלב־טויטע זענען אבער דא —
א גאנצעס פאלק פון הויט און ביינער...
ניטא פאר איהם קיין טרייסט, ניטא,

ביז וואן – מיט קראפט, מיט הייסען גלויבען,
פון לאנגען, טיעפען שלאף ערוואכט –
ער וועט אליין, אליין פעריאגען
פון זיך די שווארצע, קאלטע נאכט...

יא, פריהער זאל דאס אלטע, קראנקע,
האלב־טויטע פאלק דעם שווערען שטיין,
פון זיך פערשטויסען; און פון קבר,
פון קבר אויפשטעהען אליין –

מיט שטארקע הענד, מיט פרישע קרעפטען
און מיט געפיהלען און פערשטאנד:
– ווי גוט, ווי זיס, ווי שעהן עס זענען
אנ'אייגען הויז, אנ'אייגען לאנד...

אט דעמאלט וועט משיח קומען, –
מיט גרינע גראז, מיט פרישע בלומען
בעדעקען אונזער טויטעם פעלד;
אט דעמאלט וועט דער מארגענשטערען
אונז אויפגעהן העל, און ליכטיג ווערען
וועט אונז ארום די גאנצע וועלט!...

אויפ'ן וועג.

ויהי ידיו אמונה...

דארטען, וואו די בלומען
ווי פון שטאהל און קופּער
אויסגעגאסען, דרימלען
אין דער מדבר־היץ;

וואו דער העלער־אבגלאנץ
פונ'ם בלאהען הימעל
שטעכט און בלענדט די אויגען,
און דער שטורמווינד

דרעהט אין ריעזען־זיילען
די צוגליהטע זאמדען,
פליהט און רוישט, און יאמערט
אויפ'ן טויטען פעלד,

דארטען קלינגען שווערדען,
דארטען זומען פיילען,
און ווי וואסער־שטראמען
גיסט זיך מענשען בלוט...

נאך דער זיסער שירה
אויפ'ן ברעג פון ים־סוף,
נאך דעם ערשטען, פרישען
פרייהייטס לויבגעזאנג,

איז עמלק'ס חיל
אנגעפאלען פלוצלונג
אויף דאס יונגע, שוואכע,
ערשט בעפרייטע פאלק;

גאנצע ווילדער שפיזען
גלאנצען אין דער לופטען,
גאנצע האגעלס פיילען
שיטען זיך אויף איהם...

נאר דאס פאלק דאס יונגע,
שוואכע, ערשט בעפרייטע
פון דעם שווערען גלות,
פון דעם שקלאפען־יאך,

האט דעם פיינד בעגעגענט
מוטהיג. שטאלץ און זיכער,
רוישט און פליסט אנטקעגען
ווי א וואסערפאל.

און די אלטע הערשער
פון דעם טויטען מדבר
פאלען ווי די פליגען
פאר דעם יונגען פאלק!...

* *
*

אויפ'ן בארג שטעהט משה.
פון די אווענד־שטראהלען
איז בעשיינט זיין פנים,
און א טיעפע פרייד

שטראהלט ארויס פון זיינע
געטליך ריינע אויגען,
יהושע'ס ווערטער
הערענדיג: „— דו זעהסט,

„א, מיין הערר און פיהרער!
וואס איז דאס געשעהען?
איז דאס ניט א חלום?
דו דערקענסט זיי איצט?

„זיי — די ציגעל־קנעכטער,
קראנקע און פערשווארצטע
פון עבודת־פרך,
איינגעשאפט, נויט און לייד,

„נעכטען — קנעכט ביי פּרעה'ן,
פינסטערע און בלינדע
פּאַסטוכער אין גושן,
גראָבע, ווילדע... היינט —

„קעמפּפער און גבורים,
לעמפּערטען און לייבען!...
זאָג, א. הערר, פון וואַנען
איז די קראַפט אין זיי?"...

„— פ ר י י ה י י ט, יהושע, —
ענטפּערט משה — פרייהיט,
פרייהייט הייסט די גרויסע,
וואונדערליכע קראַפט.

אין די טיעפע, איינגע
שטיינבּרוכען און היילען,
אין די שוואַרצע גרובען
פון דעם קנעכטשאַפטס־לאַנד

איז די קראַפט געוואַקסען,
ווי א קוואַל בּעהאַלטען
אונטער זאַמד און שטיינער
אין א וויסטען אָרט, —

„און זי האט צוריסען
איהרע שווערע קייטען,
און זי האט צובראכען
דעם פערהאסטען יאך.

„רוישט און פליסט, און גיסט זיך,
רייסט און ברעכט די צוימען,
ווי א שטראם א פרייער
אין די פריהלינגס־טעג...

„און דער שטראם זאל פליסען
ווייטער, ווייטער, ווייטער!
אויפ׳ן וועג צום נייעם
לעבען שטעהען גרייט

„שונאים נאך ניט וועניג,
בייזע, שטארקע שונאים...
זאל־זשע די פערשטיקטע,
אויסגעקריינקטע ברוסט

„פון די ערשט בעפרייטע
פרעה׳ס ציגעל־קנעטער
אנטרינקען געשמאק זיך,
אנזאפטען זיך זאט

מיט דעם וויין דעם זיסטען,
מיט דעם וויין דעם שטארקסטען
פון נצחון! קיינער
זאל זיך אויפ'ן וועג

„זיי ניט שטעלען! קעמפפענד
דורכגעהן דעם צוגליהטען
מדבר, פרייד געניסען
מיט דער פולער ברוסט,

נאך דערביי מיט יעדען
הארצקלאפ יעדען אטהעם
פיהלען און געדיינקען
יעדען אויגענבליק,

„אז דער שטרייט מיט אלע
עֲמָלֵקִים, חִוִים,
פריזים און יבוסים
איז א מיטעל נאר

„דורכצוגעהן דעם גרויסען,
שווערען וועג, און קומען
צו דעם שטילען האפען,
צו דעם פריעדענס-ברעג:

„פּנען, פּנען, פּנען!״ --
זאָל בײַ זײַ אין האַרצען
קלינגען װי אַ װיעג־ליעד
װי אַ האָכצײַטס־ליעד.

„װי אַ כאָר פון זיסע,
פרישע פריהלינגס־שטימען,
און אַהין זאָל בײַנקען,
ציהען זײער האַרץ —

„צו אַ היים אַ שטילער,
צו אַ היים אַ ליעבער,
װאו עס זאָל דער פאָלקס־גײַסט
זיך ענטװיקלען פרײַ.

„אױפבליהען אין רײַנעם,
זיסען פרײדענס־לעבען,
אומגעשטערטער אַרבײַט,
אומגעשטערטען גליק!״ . . .

* *
*

אױפ׳ן באַרג שטעהט משה.
פון די אװענד־שטראַהלען
איז בעשײַנט זײַן פּנים,
און זײַן העלער בליק

נעהמט־דרום דעם גאנצען
לאגער־פלאץ, פון וואנען
ס'קלינגען, קלינגען ליעדער
פול מיט קראפט און פרייד;

מיט דער האנד דער לינקער
אנגעשפארט אויף אהרן'ס
אקסעל, האלט די רעכטע
אויסגעשטרעקט ער הויך.

צייגענדיג צו'ם ווייטען
לאנד, צו'ם צוועק צו'ם הויכען,
הייליגען און ליעבען
פון דעם לאנגען וועג...

דער גבּוֹר*)

די גרעקען דערצעהלען א מעשה:
א מענש איז געווען אויף דער וועלט;
איהם גובר זיין האט ניט קיין כּח געהאט
דער גרעסטער און שרעקליכסטער העלד.

די ערד איז געוועזען זיין מוטער;
אין איהר איז געלעגען זיין קראפט;
ווי מיעד זאל ניט ווערען זיין קערפּער פון שטרייט,
דערשראקען זיין הערץ און פערשלאפט;

ווי שרעקליך עס זאל זיך ניט גיסען
דאס בּלוט פון זיין אפענער וואונד —
זיך צורידהרען האט ער גערארפט צו דער ערד
און פלעגט ווערען ווידער געזונד...

*
* *

מיין פאלק! דו בּיסט אויך אויסגעשטאנען
פיעל אומגליקען, טרויער און שרעק;
אפּט האבּען מיט פרייד דיינע שׂונאים געמיינט,
אז אט וועט שוין קומען דיין עק.

---

*) אנטעאוס, איינער פון די ענקים (ריזען) פון דער גריכישער מיטהאָלאָגיע. זיין פאָטער איז געווען דער שר של ים, „פּאָסיידאָן", און זיין מוטער — די געטין פון דער ערד, "געיא".

דיין מוטער איז אבער דער הימעל,
דער הימעל געווען אויף דער וועלט,
זיך צוריהרען פלעגסטו נאר דארפען צו איהם —
און באלד ווערען ווידער א העלד.

יא, שטארק איז אין דיר די נשמה,
אין איהר ליגט די הימלישע קראפט.
בעטראכט אבער ווי איז געווארען אצונד
דיין קערפער פארדארט און פערשלאפט.

ניין, פליהען לאז אייביג צום הימעל
דיין ריינער געדאנק, נאר דערביי
דיין קערפער פערבונדען לאז זיין מיט דער ערד,
זאלסט ליעבען זי ערנסט, געטריי.

בעארבייט מיט מיה און מיט האפנונג —
דיין גארטען, דיין וויינשטאק, דיין פעלד,
און דעמאלט, מיין פאלק, וועסטו זיין אויף דער וועלט
מיט גוף און נשמה א העלד...

ראמאנטישע און לירישע ליעדער

פאראויס!

אויף די בלויע, שטילע וועללען
וועלכע גלענצען ווי א שפיעגעל;
שוועבט א זעגעל, שוועבט און פלאטערט —
ווי א גרויסער, ווייסער פליעגעל.

אויף די שטילע, בלויע וועללען
שווימט א שיפעלע א קליינע;
און פון שיפעל הער איך שטימען,
— יונגע שטימען, זיסע, ריינע...

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
פון די שטורעמס, פון די ווינדען;
פון די שיפערס, וועלכע שטרייטען
מיט די גרויסע, בייזע אינדען.

וועלכע שווימען אויף דעם אבגרונד
ווייט, אין יענע שעהנע, פרייע
לענדער, וואו די זון שיינט אייביג,
וואו עס לעבען גוטע, טרייע.

ליעבע מענשען, גלייך ווי איין
גרויסע, גליקליכע משפחה...
און ווי שטארק איז זייער פריינדשאפט
זייער פריידען און הצלחה...

„— גוי־זשע, ברידער! — אין דעם זעגעל
בלאזט דער ווינד!... נו, גיכער, גיכער!
אונזער שיפעלע וועט פליהען
אויף די אינדען, ווי א וויכאר...

„וואלקענס שוועבען אויף דעם אבגרונד;
שווער אין שטורעם איז דאס שווימען.
נאר פאראויס... מיט האפנונג, ברידער!"
— זינגען פרישע, יונגע שטימען.

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
און איך זינג מיט זיי צוזאמען;
טיעף אין הערצען פיהל איך פליסען
נייע קרעפטען, נייע פלאמען.

די פּיעדעל.

I.

גוט מארגען, רבותים! דער כּלי־זמר איז דא!
אט בין איך און אט איז מיין פּיעדעל...
נו, סטרונעלעך, קינדערלעך, לעבּעדיג, פריש:
הערט אויס, כ׳וועל אייך זינגען א ליעדעל:

שולמית ישראל׳יק דעם כּלי־זמר׳ם איז היינט
צו מזל געלעגען געווארען —
א יונגעל געהאט, אין א גליקליכע שעה,
אויף לאנגע און גליקליכע יאהרען!

מע וויקעלט, מע ניאנטשעט, מע פּעסטעט, מע זויגט,
מע גלעט און מע קושט יעדעס גליעדעל;
דאס קליינינקע כּלי־זמר׳ל וואקסט וואס א טאג...
נו, שפּיעל־זשע, נו, זינג־זשע, מיין פּיעדעל!

דאס כּלי־זמר׳ל קריכט שוין פון וויעגעל ארויס,
עס רעדט שוין, עס געהט שוין פּאמעליך;
דאס כּלי־זמר׳ל איז שוין אין חדר אריין...
נו, סטרונעלעך, לעבּעדיג, פרעהליך!

עס לערענט שוין אלף־בית... חומש... תנ"ך —
פערטיעפט אין עניני־אמונה...
עס ווערט שוין בר־מצוה און אט... שטעה נאר!... טראך!!
וואס איז דאס? — געלאפעט א סטרונע!...

II.

א טאג נאך א טאג און א וואך נאך א וואך —
עס פליהען חדשים און יאהרען...
דאס כלי־זמר'ל איז זיך שוין, ברוך השם,
צו מזל א חתן געווארען.

דאס כלי־זמר'ל איז שוין א חתן... א מאן...
דאס כלי־זמר'ל איז שוין א טאטע!
נישקשה, דאס פיעדעלע שפיעלט נאך גאנץ גוט —
ער זיצט נאך „אויף קעסט" דאך לעת־עתה...

געקאנטשעט די קעסט און ארויס אויף דער גאס...
נו, כלי־זמר'ל גיעב נאר חיונה!
ער חאפט זיך דאס פיעדעלע סטרויען און... טראך!!
געלאפעט די אנדערע סטרונע!...

III.

א מאכטער, א בתולה, צו לייטען שוין גלייך;
די צווייטע איז אויך קיין עין הרע...
א שידוך... א חתונה... חובות ווי באב...
חאטש טרענק זיך, חאטש ווער א כפרה!...

א יאהר נאך א יאהר — און די עלטער קומט אן;
הוסט, קרעכץ און קריך פארט נאכ'ן ביסען!
און ביסלעך־ווייז ציהענדיג, ציהענדיג זיך —
נאך איינע — די דריטע צוריסען!

IV.

איין סטרונע געבליבען... דאס כלי־זמר'ל ליענט,
עס ווילט זיך, עס גלוסט זיך נאך שפיעלען...
ער קריכט צו דער פיעדעל, ער ציהט זיך... נאר ניין!
צו שפעט און אומזיסט איז זיין ווילען;

דאס סטרונעלע ציטערט, זי קרעכצט, זי זיפצט...
א ביטערער קלאנג טהוט זיך גיעסען...
דאס סטרונעלע ציהט זיך און ציהט זיך און... טראך —
צוריסען — די לעצטע צוריסען!

געלאפּעט די סטרונעס... עס ליעגט אויף דער ערד
די אלטע, צובראכענע פיעדעל...
אוים פיעדעל... אוים כלי־זמר... אראב פונ׳ם מארק! —
געענדיגט דאס נארישע ליעדעל...

דער וואלד־חלום.

עס שטעהט א דין, יונג בוימעלע
פון שטילען טרוים געפאנגען,
מיט זילבער־קלאהרע שניי־לאקען
בעפלאכטען און בעהאנגען.

דער גרויער זיידע שיט עס אב
מיט טייערע פרעזענטען —
מיט קייטעלעך קריסטאלענע,
מיט פרענז און פאזומענטען.

מיט דימענטענע אוירינגלעך,
מיט רייכע פערעל־שנירען —
די צארטע, יונגע צווייגעלעך
וואס העלער צו בעציערען.

ער עטעמט, וועהט און פאכט אויף זיי
מיט ווייסע זיידען־טיכער,
וואס טיעפער צו פערשלעפערען,
פערוויעגען זיי וואס גיכער...

און דאך וואכט אויף דאס בוימעלע,
עס ציטערט ווי פון פיעבער...
עס הערט זיך צו און פרעגט מיט שרעק:
„וואס איז דאס, זיידע ליעבער?

„דער אבענד־שאטען וויקעלט מיך
ארום פון אלע זייטען...
ווער געהט עס דארט אין וואלד ארום?
וואס רוישט עס פון דער ווייטען?..."

„מיין נאריש קינד! עס טרוימט זיך דיר
אין שלאף, אין זיסען, שטילען...
דאס שפרינגען גרויע העזעלעך
אין שניי־באל דארט צו שפיעלען;

עס קלעטערען די וועווריקלעך
פון בוים אויף בוים; עס לויפען
די געלע פיקסעלעך צום מארק
כפרות־הענער קויפען"...

„אך, זיידעניו! די שווארצע נאכט
שטעהט אויף פון אלע זייטען...
וואס קלאפט עס דארט, אין טיעפען וואלד?
וואס קלינגט עס פון דער ווייטען?..."

— „שלאף, נאריש קינד! א חלום שוועבט
אויף דיין בעצויבערט וויעגעל...
דאס פליהען דארט די וואלד־היהנער
און פאטשען מיט די פליעגעל;

„עס פיקט דער שפעכט, דער האלצהאקער,
די דינע, דארע קארע;
די אייז־קריסטאלען שיטען זיך,
די קלינגענדיגע, קלאהרע...

„חוץ דעם איז תנאים היינט אין וואלד
ביי'ם וואלף, און ווייסט, מיט ועמען?
ער נעהמט א יונג, ווייס ציעגעלע
מיט ווייכע, לאנגע ברעמען,

„מיט מילדע, בלויע אויגעלעך,
א כשר'ע, א שטילע;
מען זאגט — אן אלטע ליעבע שוין,
און נדן אויך אפילו.

„געוועהנליך, ברעכט מען טעלער דארט,
מען קלינגט מיט גאפלען, מעסער...
נו, שלאף־זשע־איין, מיין בוימעלע
און רוה זיך אוים וואס בעסער"...

* *
*

און שטארקער האט דאס בוימעלע
דער שלאף ארומגענומען...
עס הערט שוין ניט, ווי ס'קלאפט די האק,
און ווי די זעגען זשומען...

עס זשומט און קלאפט, און קריצט, און קלינגט...
די אלטע בוימער שטעהען,
ווי אין תכריכים אנגעטהאן...
בענינען־ווינטלעך וועהען...

און אין דער פורפור־מארגענשיין,
בענאסען מיט די פריהע
און קאלטע שטראהלען, הויב זיך אויף
א ניי־געבויטע תליה...

דער אדלער.

(געווידמעט ה׳ שלום יעקב אבראמאָוויטש צו זיין 70 יעהריגען יובילעאום).

קוקט שוועלבעליך מיינע: ווי רוהיג און ברייט
די גרויסע, די מעכטיגע פליגעל צושפרייט,
ער שוועבט צו די שטראהלען... וואוהין, פרעגט איהר, האלט ער
זיין לופט־וועג, דער אדלער, דער אדלער דער אלטער?
ער שטרעבט צו דער אייביגער געטליכער שיין...
זיין הארץ ווייסט פון שרעק ניט, זיין קאפּ ניט געבויגען;
ניט פינטלענדיג קוקען אין הימעל אריין
די ליכטיגע אדלערשע אויגען...

ווי אלט איז ער? — פרעגט ביי דעם רוישענדען וואלד

און פרעגט ביי די פעלזען, און פרעגט ביי די
שטראמען,
וואס פליסען אין וואלד פון די פעלזען... ווי אלט?
עס זינגען א הערליכען לויב צו זיין נאמען
די שטערען, די וואלקען... זיי ווייסען די צייט,
ווען ער האט די שעפפונג'ס־ענויים געליטען,
ווען ער האט די פעדערען זיינע געביטען,
זיין אדלערשע יוגענד בענייט...

ראמאנטיק־אלבום.

1.

די ווילדע טויב.

צו'ם גראניטען־פעלז איהר ברוסט
ליעבליך צוגעפרעסט —
איינגעשלאפען איז א טויב
אין אנ'אדלער־נעסט.
אדלער־טרוימען, אדלער־גייסט,
אדלער־קאמפף און זיעג,
האבען זי בעשפינט, בעוועבט
און פערוויעגט איהר וויעג — — — — —
אין דערהיים פון דעמאלט־אן
לעבט זי איינזאם, שטום;
„ווילדע פויגעל", „ווילדע טויב"
רופט מען זי ארום.

„ווילדע!" קרעהט די שווארצע קראה,
„ווילדע!" זיומט די פליעג — — — — —

יוגענד־טרוים! מיין טויבען־שלאף
אין דער אדלער־וויעג! — — — —

2.

חברים.

דיין קלאר, זיידען הענטעלע,
קינד מיינס, גיעב מיר היינט!
נאהענט, אייגען זענען מיר
ווי צוויי אלטע פריינד:

אין בעצויבערט מעשה'לע
לעזען מיר פאראוס –
דו פון אנהויב, איך צום סוף, –
נו, וואס מאכט עס אוס! – – – – –

אין זיס, ליכטיג לעבען־טרייסט
און איין לעבען־וועה
דעקט מיט שיין דיין קעפעלע
און מיין קאפ מיט שנעע.

אין געשענק איז איינגעטהיילט
אונז פון לעבען־שוים:
מיר – דער שאטען, דיר – דעם שיין, –
נו, וואס מאכט עס אוס! – – – – –

3.

צווײ אויגען.

אך שמייכעל, שמייכעל, מיידעלע!
עס קוקט א רעגענבויגען
מיט הימעל־בלוי, מיט הימעל־גלאנץ
פון דיינע ליעבע אויגען.

און דאך... און דאך – צווײ אנדערע:
זיי לייכטען שטיל און זעלטען,
דאך גאנצע הימלען עפנען זיי,
בעדעקען גאנצע וועלטען.

מיט רעגען־טהוי, מיט רויזען־שטויב,
מיט גלוסט, מיט ריינעם, פיינעם, –
די צווײ, די צווײ חן־גריבעלעך
ביי'ם קלארען שמייכעל דיינעם!

4.

דריי וועלטען.

I.

עס געהען די ריטטער צו'ם קעניג אין שלאס,
בעוואפענט מיט שווערדען און שפיעזען;
ס'הילכט־אב פון גערודער דער הויכער געוועלב,
געשטיצט אויף די מארמארנע ריעזען.
עס שאלט די טראמייט, און זי שאלט און זי רופט,
פון העלדען־מאכט, העלדען־מוטה ציטערט די לופט...

II.

דער ארגעל־כאר ברומט און עס שיינען די ליכט,
און שיינען אלץ מילדער און מילדער.
די קעניגין געהט צו'ם בעשטראהלטען אלטאר
און קניעט פאר די הייליגע בילדער;
די ווייראך־פאס אטהעמט אויף איהר פון דער הויך
און קרייזעלט און קנוילט דעם פערגרויט־בלויען רויך...

III.

עס קומען די שיפען פון רוישענדען מעער,
מיט האב פון די וויטעסטע לענדער;

די יונגע, די שעהנע פּרינצעסין בעטראַכט
די גאָלד־שטאָפּען, טיכער און בענדער.
וואָס פינקעלט דאָ העלער פון פריידּ און פון גליק —
דער איידעלשטיין, אָדער דער מיידעלשער בליק?...

IV.

דריי מענשען - דריי וועלטען — — — —
און איינמאָל פאַרנאַכט,
די שנעע־שטורמען וויינען און ברומען...
פון נעבעל, פון שנעע שווימט אַ שאָטען אַרויס —
אַ גאַסט איז אין שלאָס־הויף געקומען.
די גלאָק האָט אַ קלונג געטאָהן הילכיג און ריין,
דער טויער האָט שטיל זיך געעפענט אַליין...

V.

ווער איז ער? פון וואַן און וואוהין ליגט זיין וועג?
מען פרעגט ניט, ער זאָגט ניט. און קיינער
בעמערקט ניט די האַנד, וועלכע עפענט פאַר איהם
די טהירען — — — עס גיסט זיך אַ ריינער
בעלעבענדער לופט־שטראָם מיט וואַרעמען שיין
אין אַלטען, פערנעבעלטען טראָן־זאַל אַריין.

VI.

דער וואַנדער־גאַסט שטעהט פאַר'ן גלענצענדען טראָן.
ווי טונקעל, ווי אָרעם זיי ווערען

די קרוינען, די שילדען ארום פאר דער שיין,
וואס גליהט פון זיין ליכטיגען שטערען!
דער קעניג — זיין שטאלץ און זיין מאכט זענען ווייט:
ניט רעדען, נאר הערען איז איהם איצט די צייט.

VII.

עס קוקען די מארמאר־אטלאנטען אראב,
אזוי ווי ערשטוינט און דערשראקען — — —
ווער שפריצט עס מיט פערעל אויף בעקען פון גאלד,
מיט גאלד — אויף קריסטאלענע גלאקען?
די טענער, די טענער, וואס הערט זיך אין זיי?
א וואפען־געוויש!... א פערצווייפלונגס־געשריי!...

VIII.

עס פלאטערען פאהנען... עס שאלט די טראמייט
און באלד שווימען־אויף, ווי פון כישוף —
די רעהרען פון ארגעל, דער איינקלאנג פון כאר,
דאס בענש־ווארט פון גרייז־גרויען בישאף — — —
אט ציהט אויף די וועלען א שטיל דרימעל־ווינד
און פיעסטעט און גלעט זיי אזוי ווי דאס קינד.

IX.

און פיעסטעט און גלעט זיי, און קרייזעלט דעם שוים
אין זיידענע, זילבערנע לאקען — — —
ווער שפריצט עס מיט פערעל אויף בעקען פון גאלד,

מיט גאלד – אויף קריסטאלענע גלאקען? – – –
עס שוימט אין די האכצייטס־באקאלען דער וויין;
וואס ווינקט ער? וואס רוימט ער אין מיידעל־הארץ איין?

X.

איין וועלט! איין אונשטערבליכע, בליהענדע וועלט,
איין ווײַנשטאק, א הייליגער, ריינער,
א הופה־געשענק פונ׳ם הימעל דער ערד,
דער כלה – דער ליעבער און שעהנער.
פעראייניגט אין גייסט־מאכט, אין גייסט־קייט פערשמידט...
לויב! לויב דיר, דו, פרייעס, דו, גליקליכעס ליעד!

די נאטור.

ליכטיג שיינט דער אווענד־שטערען;
שאטענס ליעגען אויף די פעלדער;
פייכטע קיהלקייט וועהט און גיסט זיך
פון די גערטנער, פון די וועלדער.

און די גרויסע, אלטע בוימער
שאקלען מיט די גרינע בלעטער,
און מיר דאכט זיך, אז זיי רוישען:
„— זעה, ווי פריש איז דא דאס וועטער!"

טראפּענס טהוי, ווי פּערעל, גלענצען
אין די לעצטע אווענד־שטראהלען,
אין די פייכטע, גרינע טהאלען
שלאגען פרישע, קאלטע קוואלען...

„קום אריין אין וואלד! מיר ווילען
דיך ערפרישען און ערקרעפטען...
ווי מיט ווייכע, גרינע פאדעם
דיך בעשפּינען און בעהעפטען...

„מיט א שטילען, זיסען דרימעל
וועלען מיר דיין הארץ בעוועהען,
מיט א ליעבען, זיסען חלום
דיך ערקוויקען און ערפרעהען"...

און פון וואלד, מיט זיסע פרישקייט
אנגעטרונקען, אנגעזויגען,
געה איך צו דעם גרויסען אבגרונד,
וועלכער ליעגט פאר מיינע אויגען.

ליכטיג שיינען, ליכטיג גלענצען
אין דעם רייטען, פורפור־העלען
לעצטען אבשיין פון די שטראהלען
די בעגאלדטע, בלויע וועללען.

אויף די בלויע, שטילע וועללען,
וועלכע גלענצען ווי א שפיעגעל,
שווטבט א זעגעל, שוועבט און פלאטערט
ווי א גרויסער, ווייסער פליעגעל.

אויף די שטילע, בלויע וועללען
שווימט א שיפעלע א קליינע,
און פון שיפעל הער איך שטימען,
יונגע שטימען, זיסע, ריינע...

יונגע, זיסע שטימען זינגען
פון די שטורעמס, פון די ווינדען,
פון די שיפערס, וועלכע שטרייטען
מיט די גרויסע, בייזע אינדען.

וועלכע שווימען אין דעם אבגרונד
ווייט, אין יענע שעהנע, פרייע
לענדער, וואו די זון שיינט אייביג,
וואו עס לעבען גוטע טרייע.

ליעבע מענשען, גלייך ווי איינע,
גרויסע, גליקליכע משפחה, —
און ווי שטארק איז זייער פריינדשאפט,
זייער פריעדען און הצלחה...

„— נו־זשע, ברידער! — אין דעם זעגעל
בלאזט דער ווינד!... נו, גיכער, גיכער!...
אונזער שיפעלע וועט פליהען
אויף די אינדען, ווי א וויכאר..

„וואלקענס שוועבען אויף דעם אבגרונד:
שווער אין שטורם איז דאס שווימען,
נאר — פאראויס, מיט האפנונג, ברידער!...
זינגען פרישע, יונגע שטימען.

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
אוּן איך זינג מיט זיי צוזאמען;
טיעף אין הארצען פיהל איך פליסען
נייע קרעפטען, נייע פלאמען:

נייע האפנוּנג טריפט, ווי טראפּענס
קאלטע וואסער אויף דעם גומען
פון דעם קראנקען... אך, א דאנק אייך,
בּוימער, זאנגען, גראז און בּלומען.

פרייע פויגעל, בּלויע וועללען,
פוּנ'ם טיעפען, הייסען הערצען,
צווישען אייך האב איך פארגעסען
מיינע אלטע, גרויסע שמערצען!.

פריהלינגס־ליעד

דאס טייבעלע ווארקעט,
דאס טייבעלע רופט:
„שטעהט אויף, קינדער! ליכטיג
און פריש איז די לופט!

„עס ציהען זיך, ציהען
פון הימעל און פאלען,
ווי גאלדענע פאדעם,
די ווארעמע שטראהלען;

„דאס בינעלע זשומעט
און זויגט אהן א מאס
די זאפט פון די רויזען,
דעם טהוי פון דעם גראז.

„עס בליהען די גערטנער
עס גלענצען די בלומען...
צו אונז איז דער זומער,
דער זומער געקומען...

„שטעהט אויף קינדער! ליכטיג
און פריש איז די לופט.
דאס טייבעלע ווארקעט,
דאס טייבעלע רופט!...

דאס טייבעלע ווארקעט,
דאס טייבעלע רופט:
„שטעהט אויף, קינדער, — ליכטיג
און פריש איז די לופט.

עס בליהען די בוימער,
עס שפּראצען די בלומען
צו אונז איז דער פריהלינג,
דער פריהלינג געקומען;

די פויגעלעך זינגען
אין וואלד און אין טהאל:
עס הערען זיך ליעדער
ארום אהן א צאהל.

די פישעלעך שווימען
ארויף אויף די וועללען —
זיי טאנצען אין וואסער,
זיי שפּרינגען, זיי קוועלען..

עס שפּראָצען די בלומען,
אונ פריש איז די לופט...
דאס טייבעלע וואַרקעט,
דאס טייבעלע רופט...

זומער־ליעדער.

א.

אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען, —
ווי די פרייע, בלויע וועללען
רוישען, גיסען זיך און קלינגען,

אין א פרישען קראנץ פון זאנגען,
פריי פון טרויער און פון קומער,
אויף די טהאלען, אויף די פעלדער
שוועבט דער שעהנער, ליעבער זומער.

זומער־פויגעלעך פון גארטען,
סטאיעס בינען פון די שטאקען
פליהען אוים און טאנצען, שפרינגען
איבער זיינע שווארצע לאקען;

זיסע ווארעמקייט טהוט וועהען
פון די גרויסע ברוינע פליעגעל
אויף די שטראמען וועלכע גלענצען
העל און ליכטיג ווי א שפיעגעל.

אויף די בוימער, וועלכע שטעהען
שוין בעוואקסען און בעהאנגען,
אויף די פרייע, גרינע פעלדער,
וואו די רויבע שעהנע זאנגען

בויגען אן די שטאלצע קעפּלעך
איינס צום אנדערען און זשומען:
„— אך, ווען וועלען זיי, ווען וועלען
שוין צו אונז די שניטער קומען?...“

און די שניטער געהען, איילען...
סערפּעס, קאסעס גלענצען, קלינגען...
אויף די טהאלען, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען.

אויף די פעלדער, אויף די טהאלען
הער איך קלינגען זיסע ליעדער, —
און מיין אלטער, טיעפער טרויער
וואכט שוין אויף אין הארצען וויעדער!...

ב.

ריין און ליכטיג איז דער הימעל;
פריש און פרעהליך וועהט דער ווינד...
„— זינג מיר, זינג א זומער־ליעדעלע!" —
בעט דאס שוואכע, בלייכע קינד:

„— קום מיט מיר אין טהאל, אין גארטען,
פלעכט א קרענצעלע מיר אוים
פון די בלומען, וועלכע וואקסען
דארט און בליהען, שעהן און גרוים"...

אך, מיין קינד! דו זעהסט? — צובראכען
הענגט מיין הארפע אויף דער וואנד;
אבגעוועהנט שוין לאנג פון שפיעלען
איז מיין שוואכע, קראנקע האנד;

אבגעוועהנט פון זיסע פריידען
איז שוין לאנג מיין קראנקעס הערץ.
זומער, ווינטער, הערבסט און פריהלינג
בלייבט אין איהם דער אלטער שמערץ

א זומער־נאכט.

די נאכט איז שטיל, די נאכט איז פינסטער,
מיט שווארצע שאטענס איז בעדעקט
דער שטילער טייך. די גערטנער שלאפען;
עס וועהט מיט פרישע גראז, עס שמעקט
פון וואלד מיט שוואמען און מיט בלומען;
די לופט איז ריין, און פריש, און קיהל.
אלץ שלאפט און רוהט אין שטילען פריעדען.
נאר פון דער אלטער וואסער־מיהל
הער איך צוויי ליעבע, זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבען וואהנען דארט;
זיי ווארקען, האלזען זיך... ווי רוהיג
איז זיי אויף זייער שטילען ארט!...

איך געה אהין. אנ׳אלטע ווערבע
שטעהט אויפ׳ן שטילען, גרינעם ברעג.
זי איז מיין פריינד, זי איז מיין חבר
אין מיינע טרויעריגע טעג.

מיר זענען ליעב די אלטע צווייגען,
וואס הענגען טרויעריג אראב,
גלייך ווי פארצייטען ביי אנ'אבל
די האר פון טרויעריגען קאפ.
זי איז מיר ליעב די אלטע ווערבע:
אפט זיץ איך איינזאם אונטער איהר,
און זי בעדעקט מיך מיט די צווייגען,
גיסט אוים א זיסע רוה אויף מיר.

פאר וואס־זשע ציטערסטו מיין קראנקעס,
מיין עלענד הארץ, אין פיין, אין שרעק?
די אלטע טרויעריגע בילדער —
אח, געהט א וועק פון מיר, אוועק!...
ניין, ברידער מיינע! אייביג טראגען
מוז איך מיין גרויסען, שווערען יאך;
ניטא פאר מיר קיין רוה, קיין פריעדען —
די אלטע בילדער לעבען נאך...
אין טיעפען שלאף, אין שטילען דרימעל
שטעהט אויף א ווייטעס, ליעבעס לאנד
מיט אלטע הויכע, גרויסע דעמבעס,
וואס וואקסען ביי אנ'אלטער וואנד...

בײַ יענער וואַנד פֿון בית־המקדש,
וואָס איז פֿאַר אונז געבליבן שטעהן
ווי אַ מצבה; אַ זכּרון
פֿון דעם וואָס איז אַמאָל געוועזן...
איך זעה דאָס פֿעלד, איך זעה די קבֿרים,
אין וועלכע ס'ליעגט דאָס אַלטע גליק,
די קראַפֿט און מוטה און פֿרייד, פֿאַר וועלכע
עס איז ניטאָ קיין וועג צוריק...
פֿון באַרג נבֿו, פֿון ראָש הפּסגה
שטעהט אויף אַ הויכער, גרויער מאַן,
איך הער זײַן קלאַג, אַ טיעפֿען יאָמער:
„ביז וואַן, דו שטאַרקער גאָט! — ביז וואַן!״...
עס הויבט זיך אויף אַ ווינד, אַ שטורם,
עס געהט אַ יאָמער, אַ געשרײ...
די גרויסע דעמבעס רוישען, ברומען,
די צווייגען ברעכען זיך אויף זיי.

און פֿון דער אַלטער וואַנד טהוט געהן
אַ קלאַג פֿון גרויסען, טיעפֿען שמערץ...
שלאָף אײַן, שלאָף אײַן, דו אַלטעס אומגליק,
גיב רוה צו מײַן פֿערזאָמערט הערץ!...

* * *

אח, לאז שוין זיין א סוף אמאל!
גענוג געקלאגט, גענוג געליטען...
גיין, וועה צו מיר! — עס שלאפט זיך ניט,
ניטא פאר מיר קיין שלאף, קיין פריעדען.

עס שלאפט זיך ניט: זיי רוהען ניט
די אלטע וואונדען — אלטע צרות;
זיי ברענען, רייסען מיר מיין הארץ...
אוועק! אוועק, מחשבות זרות!

א זומער־נאכט... א בוים... א בלום...
א זיסער שלאף אין רוהה, אין פריעדען...
דו נאר, דו נאר, דו אלטער נאר!
וואס קעהר זיך אן דאס מיט א יודען?!

שוין! אלץ פערגעסען, וואס מיט דיר
מען לערנט, חזר'ט שוין אנ'ערך
צוויי טויזענד יאהר!... א בוים, א בלום...
נו, נאך וואס? פיין פון דיר, א דרך...

א זומער־נאכט... א טייך... א בוים...
פיין! שפיעל זיך, שפיעל זיך מיט'ן שטן!...
דו ווייסט שוין ניט, געדענקסט ניט, וואס
איז דיר ערלויבט און וואס פערבאטען? —

שטעה אויף צו חצות, הויב אויף דיין קול,
שריי, קלאג און יאמער, וועק דעם עולם,
שריי, קלאג! — אח, אפשר וועט שוין פארט
דערהערען דיך דער בורא עולם...

* *

*

עס שלאפט זיך ניט... אח, קום צו מיר,
דו, גוטע, ליעבע, טרייע, פיינע;
בעשיץ דיין עלענד, קראנקעס קינד,
פערוויעג, פערוויעג מיך, מאמע מיינע!

מיין הארץ איז קראנק! מיין האר איז גרוי;
דער גלוסט פון אלע קראנקע זעעלען —
דער שלאף — ער לויפט פון מיר אוועק...
דו איינע, איינע קאנסט מיך היילען.

אח, זעה: איך בין דאך נאך א קינד,
אנ׳עלענד קינד..: גיב, גיב מיר נייע
און פרישע קרעפטען... קום צו מיר,
פערוויעג, פערוויעג מיך, ליעבע, טרייע!...

* * *

פון יענער זייט וואלד
גערט אויף די לבנה,
ווי בלייך איז איהר אנבליק,
ווי קאלט איז איהר שיין!

א הייליגע רוה,
א גאלדענער חלום —
גיסט זיך מיר ליעבליך
אין הארצען אריין.

עס שטעהט פאר מיר אויף
מיין ווייטער געבורטס־ארט:
א צימעריל ליכטיג
און זויבער און קיהל...

א וויעגעלע שטעהט...
א וויסינקער פארהאנג...
ווי רוהיג איז דארטען,
ווי רוהיג און שטיל!...

איך בין נאך א קינד,
א לעבעדיגס, פרישעס;
איך ווייס נאך ניט ווער איך בין,
וואס וועל איך זיין...

עס שפּילט זיך מיט מיר
דאָס קיהלינקעווינדטעל,
מיך וואַרימט, גאַלובעט
די זילבּערנע שיין.

דאָס לעמפּעלע בּרענט;
בּיי׳ם טיש זעה איך זיצען
מיין אַלטיטשקע באַבּע
מיט׳ן זאַק אין דער האַנד;

דער שאָטען פון שלייער
ווייזט אוים ווי אַ חיה
מיט הערנער, וואָס ציטערט
און לויפט אויף דער וואַנד...

מיין אַלטיטשקע באַבּע
דערצעהלט מיר אַ מעשה...
ווי ליעבּליך, ווי וואַרים,
ווי פרעהליך איז מיר!...

עס שמעקען די בּלומען,
עס שיינען די שטערען...
אַח, זעהט נור, וואָס איז דאָס?
ווער געהט דאָס צו מיר?...

– – – – – – – – – – –

דאס קליינינקע ווייסינקע ציגעלע
שטעהט ווידער שוין הינטער מיין וויעגעלע
איהר קעפּעלע ציהט זיך צו מיר;
און ריינינקע, ווארימע טרעהרעליך.
ווי העלע און ליכטיגע פּערעליך
טריפּען און פאלען אויף מיר...
צוויי בּילדער – צוויי ווייסינקע פויגעליך
מיט העלע און ליכטיגע אויגעליך
פליהען און שוועבּען צו מיר:
מיין קינדהייט און יוגענד בּעגעגנען זיך
זיי זינגען, זיי וויינען – זיי זעגנען זיך
אויף אייבּיג, אויף אייבּיג מיט מיר...

הערבסט־ליעדער.

א.

ווי נאס און פינסטער איז דער וואלד,
ווי ווייניג בלומען איז געבליבען:
איין בינטעל פאר א גאנצען טאג
האב איך זיי קוים צונויפגעקליבען.

ווי שוואך, ווי דונקעל זענען זיי,
פערשווארצט פון קעלט, פערנעצט פון רעגען!...
אויף וועמעס קבר זאל איך איהם,
דעם לעצטען קראנץ אניעדערלעגען?

איין־איינציג קרענצעלע האב איך,
אזוי פערוויאלעט, שוואך און ארעם,
און דא, אויף יעדען, יעדען טריט
זעה איך צושפרייט אזוי פיעל קברים!...

מיט הונדערט רינגען, הונדערט הענד
האט מיר דער טויט ארומגענומען —
וואוהין־זשע זאל איך לעגען דא
דעם לעצטען קראנץ, די לעצטע בלומען!...

* *
*

מיין ליעד, מיין טרויעריגעס ליעד!
דו ביסט דאס קליינע קרענצעל בלומען.
צו לאנג געוועזען אין מיין וועג,
צו שפעט בין איך מיט דיר געקומען...

ב.

שוין שלאף און דונקעל זענען מיינע אויגען,
מיין קאפ געבויגען, שוואך און גרוי
און אויף מיין הארץ, א טראפען נאך א טראפען,
פאלט שוין דער קאלטער אווענד־טהוי.

די לעצטע בלום איז שוין פערוועלקט, פערדארבען,
די לעצטע בלעטער פאלען אב...
ערלויב אויף דיינע קניע אנידערלעגען
מיין אלטען, קראנקען, גרויען קאפ.

שוין צייט, מיין קינד, שוין צייט מיר אבצורוהען!
שווער איז געווען מיין וועג: אין קעלט,
אין היץ און רעגען, פינסטערניש און שטורם
בין איך געגאנגען אויף דער וועלט.

איך האָב שוין אַלע טרערען אויסגעגאָסען;
מיין האַרץ איז טויט... דאָרט וואו אַמאָל
פלעגט גרינעם גראָז און פרישע בלומען בליהען,
איצט וואַקסען דערנער אָהן אַ צאָהל;

דאָס אָרט, וואו בלויע אינדען פלעגען פליסען,
איז שוין, מיין קינד, פערוויסט, פערשטיינט...
איך האָב שוין אַלע ליעדער אויסגעזונגען,
שוין אַלע טרערען אויסגעוויינט...

אַך, הייס און ביטער זענען זיי געוועזען,
די טרערען, וועלכע טאָג און נאַכט
פלעג איך פערגיסען, זינגענדיג די ליעדער —
און וואָס האָב איך מיט דעם געמאַכט?

וואָס ווייסט אַ יוד, ווי קען אַ יוד פערשטעהען
וואָס טהוט זיך אין דעם דיכטער'ס הערץ,
ווי גרויס, ווי שווער, ווי שרעקליך איז זיין טרויער,
ווי טיעף און ברענענד איז זיין שמערץ?

אַ יוד איז גאָר צו אַנדערע געפיהלען
געוועהנט געוואָרען זינט ער האָט
זיך אויף די פיס געשטעלט און אָנגעהויבען
זיין גליק צו לייטען — דאַנקען גאָט! —

ער האט געהאט פון אייביג־אן א מגיד,
וואס האט איהם יעדע וואך „געזאגט"
און הערענדיג האט טרעהרען ער געגאסען,
געזיפצט, געאויקעט און געקלאגט;

ער האט געהאט א ווילדע זאך — א בדחן,
א שארפען מוח, א קלוגען יונג;
ער פלעגט זיך קוויקען, חאפענדיג די גראמען
און אונטערקנאקען מיט'ן צונג;

און חוץ דעם פלעגט ער ביי דעם פאקען־טרעגער
א „מעשה" קויפען... אך, דו גאט!
מען פלעגט זיך פשוט ביי די זייטען האלטען,
דאס ביכעל לעזענדיג... מען האט

געלייענט און געלאכט, געלאכט און ווידער
געלייענט און געלאכט, געלאכט,
וויל דער מחבר האט בכיון טאקע
נאר אויף צו לאכען עס געמאכט.

וואס איז? אין אונזער לעבען איז דען עפעס
פיעל דא אזוינס, וואס זאל דאס הערץ
פערקלעמען מיט א גרויסען טיעפען טרויער,
צורייסען עס פון לייד און שמערץ?...

„און וויינען טאקע, וויינט מען דען גאר ווייניג?
אנו, אט נעהמט נאר, רעכענט אוים:
מען וויינט יום־כפור אויף א „גוטען קוויטעל“:
מען וויינט צו איכה, קליין און גרוים;

מען וויינט צו קינות און מען זיפצט צו סליחות,
מען אויקעט גאנצע טעג און נעכט —
„נו שוין־זשע לאבען טאר מען ניט א ביסעל —
עט, לאזט צו רוה... ס׳איז גאר ניט רעכט...

מען האט געלאכט און לאנג וועט מען לאבען —
ביז וואנען לעבען וועט דער יוד...
נו, הער־זשע אויף!... גענוג, גענוג צו וויינען,
מיין ליעד, מיין טרויעריגעס ליעד!...

א הערבסט־ליעדעל.

(פאַר חדר־יונגליך.)

אין חדר, קינדערליך! דער וואלד
האט שוין הושענא׳ס אבגעשלאגען,
און מיט וואלקען, שווארץ און קאלט,
הויבט־אן דער הימעל גשם זאגען:

פערוויאלעט איז דער גרינער סכך
פון אלע סוכה׳ליך אין גארטען;
די צווייגען הענגען הויל און שוואך
מיט בשמים שמעקט שוין ניט פון דארטען...

„אין חדר, קינדער!" — זינגט דער ווינד
„אין חדר", — ברומען־צו די וועללען...
עס ווילט זיך ניט? א יודיש קינד,
א יודיש יונגעל טאר ניט וועלען!

וואס? דארט איז פינסטער? ענג? דו נאר,
איז וואס? אבי נור לערנען תורה;
א יודיש יונגעל דארף זיין דאר
און געל און גרין — א מרה־שחורה...

אין חדר, קינדערליך, מיט היץ!
אוים יום־טוב, אוים דאם פרייע לעבען!
א נייער זמן מיט נייע שמיץ —
מיט נייע שמיץ ביים אלטען רבי'ן!

* *
*

אוי, דאם אלטע נאריש ליעדעל,
עס געדענקט זיך נאך ביז איצט...
קלינגט־זשע, סטרונעס! וויין, מיין פיעדעל,
וויין און זינג!...
עס רוישט, עס בליצט...

וואלקען געהען אויפ'ן הימעל...
אבער דארט, אין טיעפען וואלד,
ליגט נאך אלץ דער אלטער שימעל
אויף דעם אלטען בוים און האלט
איהם אין טיעפען, טוידטען דרימעל...
יונגע פעלקער ווערען אלט...
נייע לענדער וואקסען, בליהען...
צייטען געהען, צייטען פליהען
— — — — — — — — — — — — —

מײן פאלק! שװער זענען דײנע זינד:
האסט אבגלעבט אזוי פיעל יאהרען,
פערעלטערט, שװאך און גרױ געװארען —
און ביזט נאך אלץ א חדר־קינד!...

ווינטער־ליעדער.

א.

בעדעקט האט דער ווייסער, דער זילבערנער שנעע
די וועלדער, די בערג און די טהאלען;
עס גלאנצען די בוימער, עס היינגען אויף זיי
די צווייגען ווי העללע קריסטאללען.
די יונגינקע ווערבע ביי׳ם ברעג פונ׳ם טייך,
דער צעדער, דער שטארקער און אלטער,
אין ווייסע תכריכים האט אנגעטהאן גלייך
זיי אללע דער ווינטער, דער קאלטער...
ס׳איז פינסטער און שטום,
ארום און ארום,
מען זעהט ניט קיין איינציגען שטערען;
דער שנעע שיט און שיט,
עס פריהרען נאר ניט
די טרעהרען — די ביטערע טרעהרען...
ניטא נאר פאר זיי

קײן פראסט און קײן שנעע,
זײ טריפּפּען און טריפּפּען פון הערצען;
עס װאָרעמט זײ דאָרט,
עס זידט זײ און קאָכט,
דאָס פײער פון אינערע שמערצען.
עס װאָיעט דער װינד,
ער װײנט װי א קינד,
ער ברומט װי א חיה... עס רױשען
די בײמער אין װאַלד,
װי פינסטער, װי קאַלט,
װי שרעקליך אצונד איז אין דרױסען!

* *
*

ב.

אך, גליקליך איז דער װעמען גאָט האָט געגעבען
א װאָרעמען װינקעל, א שטילען און ליעבען,
װאו איהם איז פערבערגען זײן לעבען בעשערט;
ניט װאָהנען אין שכנות פערפינסטערט דאָרט װערען
און צאָהלען שכר־דירה מיט בלוט און מיט טרעהרען.
נאָר — — — — — איהר הערט?!
א שטימע קלינגט, א ליעבע רײנע;

דאס זינגט איהר ליעדעלע – איהר הערץ? –
דאס זריעה־קערענדיל, דאס קליינע,
וואס ליעגט בעגראבען אין דער ערד:
„– ניט קיין ווארעם ליכטיג שטיבעלע
האט דער בויער מיר געמאכט:
אין א קאלט און פינסטער גריבעלע
ליעג איך איינזאם טאג און נאכט.
אך, פינסטער איז מיר,
ענג איז מיר דא,
קיין טויער, קיין טהיר,
קיין פענסטער ניטא.
איך ליעג דא אין שטויב און אין שימעל.
איך לעב אבער, ברידער!
איך לעב! ווייל איך ווארט,
איך וויים דאך, ניט עוויג
וועט הערשען די נאכט,
די וואלקען בעדעקען דעם הימעל;
עס מוז זיין א סוף!
עס וועט זיין א סוף
צום פראסט און צום שטורם,
צום פינסטערען שלאף.

דער פריהלינג, דער פריהלינג וועט קומען.
מיט ליכט און מיט ווארעמקייט,
פרייד און געזאנג;
און פרעהליך וועט שפראצען
מיין גאלדענע זאנג
פון צווישען דעם גראז און די בלומען!״...

אין א ווינטער נאכט.

I.

די באבעניו זיצט מיט'ן זאָק אין דער האנד.
דאס לעמפּעלע צאנקט. פון די שפּיזלען
צעווינגען־זיך, לויפען ארום אויף דער וואנד
אי חיות, אי פויגעל, אי ריזען...

די באבעניו שווייגט... אלע מעשות שוין לאנג
אונז איבערדערצעהלט פאר'ן זומער...
אין הארצען ביי איהר ליעגט א גיפטיגע שלאנג,
א טיעפער, א גליהענדער קומער...

אין דרויסען איז פינסטער, אין דרויסען איז קאלט,
דער שניי האט די סטעזשקעס פערשאטען...
אנ'אומעטיג בילד, א פערטרויערט געשטאלט
שוועבט לאנגזאם און שטיל ווי א שאטען...

די אלטיטשקע זיצט ביי דעם לעמפּעלע, שווער
און טיעף איז איהר רוקען געבויגען...
זי זיפצט און זי שעפּטשעט... א טרעהר נאך א טרעהר
בעלויכטען די דונקעלע אויגען..

II.

„— אוי, נעסטעלעך, נעסטעלעך פוסטע! מיט שניי
פערשאטען, פערגליווערט געווארען...
עס פליהען די ווינדטען און קלאגען אויף זיי
און רוישען און גרימען מיט צארן...

„אוי, פויגעלעך ליעבע! וואו זענען זיי איצט?
אוועק איבער בערג, איבער מעערען;
אהין, וואו דער מארגען־שיין פונקעלט און בליצט
און שמייכלען די גאלדענע שטערן.

„אהין, וואו די לופט איז געזונד, ריין און פריי,
וואו שניי־ווייסע וואלקענס נור שוועבען —
צו אנהויבען דארט פון דאס ניי, פון דאס ניי
א פרייעס, א גליקליכעס לעבען.

„דער ווינטער איז לאנג, נאר דער שניי וועט צוגעהן,
דער גאלדענער פריהלינג וועט קומען;
דער הימעל וועט ווערען אי ליכטיג, אי ריין
די גערטנער בעשאטען מיט בלומען.

„די ערד אין איהר אלטען, געוועזענעם גליק
וועט ווידער אי שיינען, אי בליהען,
און פרעהליך אהער וועלען קומען צוריק
די פויגעליך ווידער צופליהען...

III.

„אוי, קינדערליך מיינע, פון ווינדטען און קעלט
פערגליווערטע, קראנקע נשמות!...
זיי זענען אוועק ערגיץ דארט אויף דער וועלט
צו זוכען הצלחות, נחמות.

„זיי זענען אוועק אין א פינסטערע צייט,
אין שווערע, אין ביטערע יאהרען;
און זייער געבורטס־ארט איז פרעמד שוין און ווייט
פון זייערע אייגען געווארען.

„צי האבען זיי דארטען שוין נעסטען געבויט
צו פיהרען א פרייען, א זיסען,
א ליכטיגען לעבען, פון שרעק און פון נויט,
פון קעלט און פון ווינדטען ניט וויסען;

און אפשר אויך דארט איז ניטא וואו פאר זיי
צו צוטוליען זיך מיטן אלטען
פערמאטערטען קאפ, און פון קעלט און פון שניי
די עלענדע ברוסט צו בעהאלטען.

„קיין איינציגער טראפען אין לייד און אין פיין
ניטא צו בעפרישען דעם גומען...
איינס וויים איך: ווי שלעכט עס זאל דארטען נישט זיין —
צוריק וועלען זיי שוין ניט קומען...

*　*
*

„דער פראסט ווערט אלץ גרעסער; זיין אייז־קאלטער פלוס
צוגיסט זיך פון אלע פיער זייטען...
פערוואגעלטע פויגעלעך מיינע! א גרוס,
א היים־ליעבען גרוס אייך פון ווייטען״...

ווינטער־בילדער.

I.

אלץ אין ארדנונג.

עס געהט ארום דער פראסט דער אלטער
וואלד־אויס, וואלד־איין, פון פעלד צום טייך,
פון בארג צום טהאל; בעקוקט זיין נחלה —
זיין טויט־פערוויעגטעס קעניגרייך.
„— גוט! — זאגט ער — זעהר גוט! מיין מלאכה
איז רוהיג. וואס אנ׳אויג נאר זעהט,
איז אלץ פערשמיעדט אין שווערע קייטען,
אלץ, אלץ פערפראהרען און פערשנעהט...
עס רוישען נאר די וואסער־פאלען,
עס פליהט און שפריצט דער שוים פון זיי;
נאר אויך פערקלעהמט אין טויטע ראהמען

פון בלאהען אייז און ווייסען שנעע.
„נאך ערגעץ דארטען אין די טיעפע
און איינגע קעסעל־גריבער שיסט
און שלאגט דער וואסער־זייל דער בייזער
פון אבגרונד... נאר – אומזיסט, אומזיסט!
„ס'איז אלץ פערגאסען און פערקאוועט
אין שטאהל און אייזען דארט און דא...
עס וואיען נאר די וועלף פון הונגער,
עס קארקעט נאר די שווארצע קראה.
„און פון די וויסטע, ווילדע טונדרעס,
פון יענע זומפען, וואו עס זעהט
קיין איינציג גרעזעלע דאס אויג ניט,
וואו אייביג הערשט און אייביג וועהט
„דער שלאף דער טויטער, קומט צופליהען
די ווייסע סאווע, זי צושפרייט
אויף מיר, ווי זעגלען אין דער לופטען,
די פליעגלען איהרע פריי און ברייט;
„זי שארפט און שארפט דעם קרומען שנאבעל, –
זי פיהלט – ס'וועט זיין א רייכער רויב...
עס פאלען שפערלינגען פערפרארען,
פער'חלש'ט זיצט אין נעסט די טויב...

„די זון איז מאט, די זון איז רוהיג...
אלץ ליעגט פערשטיינט, פערגליווערט שוין,
עס פונקעלט נאר און בליצט די נארד־שיין —
די קאלטע, טויטע ווינטער־קרוין!!"

II.

בײ'ם סטאַטשיק.

אין בית־מדרש בײ אַ סטאַטשיק
זיצט דער אַלטער, גראַהער זײדע,
מיט די לעצטע כּוחות
צאַנקען מאַט און דונקעל בײדע. —

ס'געהט צום סוף דאָס דינע קנײטעל
ס'בעטען רוה די אַלטע בײנער;
נאָר דעם זײדענס אױגען בלישטשען
װאָס אַ רגע, קלאָרער, רײנער.

אין די אותיות די שװאַרצע,
אין די שורות שטומע, קאַלטע,
שעפּט און טרינקט, װי פון אַ ברונעם,
ליכט און קראַפט די ברוסט די אַלטע.

אין די שטומע, שװאַרצע שורות,
װי די שטערען אױפ'ן דונקעלען
הימעל אין אַ זומער־אָװענד,
שײנען, לײכטען, פלאַמען, פונקלען

שמות הייליגע און הויכע,
אנגעזאפּט מיט זיו־השכינה,
שמות ליכטיגע און ריינע
פון דער סטרא דימינא.

שמות הייליגע און הויכע,
פון מלאכים און פון שרפים;
זיי פערהוידען, זיי פערוויעגען
אין א טיעפען, זיסען שלאף איהם...

אט צושיטען זיי זיך פלוצלונג
אינ׳ם אויר אינ׳ם העלען,
שוועבען, שווימען אין די בלאהע,
דורכגעשטראהלטע הימעל־וועלען,

שליסען זיך צונויף אין רייהען,
קייטען זיך צונויף אין רינגען;
ס׳דרוישען פייערדיגע פליעגלען,
ס׳גלאנצען פלאמעדיגע קלינגען...

אך, איין ווארט, איין־איינציג ווארט נאר!
איין השבעה־ווארט געפונען, —
און עס פליהען טויזענד בליצען,
און עס ברענען טויזענד זונען!

און עס פאלט שוין דיר צו־פיסען,
איילט און קארטשעט זיך דער שטן,
ברעכט זיך, בויגט זיך, ווי א ווארים
מיט׳ן פוס אין שטויב צוטראטען.

ברעכט די פליגלען, בייסט די פינגער,
רייסט די הויט פון ברוסט, פון שטערען...
. . . .
מאט און דונקעל צאנקט דער סטאטשיק,
אויסגעלאשען שוין צו ווערען.

אויף די שטומע, שווארצע שורות
זיצט דער זיידע איינגעבויגען,
און פון דרויסען דורכ׳ן פענסטער
קוקט די נאכט מיט טויזענד אויגען,

קוקט און שעפטשעט: „— אוי, דו, בלינדע,
דו, פער׳חלומ׳טע נשמה!
ווילסט מיט שמות און השבעות
געהן צום שטן אויף מלחמה?

„זעהסט דען ניט, ווי פריי, אין מיטען
העלען טאג און ניט מיט קרומע
הינטער־געסלעך, הינטער־וועגען
געהט ארום אצונד די טומאה?...

„שלאנגען, זשאבעס, קעץ און סאוועס —
ניין, דאס איז שוין לאנג אלט־מאדיש:
אויף איהר פאהן שרייבט אויף די טומאה
איצט אליין א „שם־הקדוש״!...

„ברייט צעוויקעלט, אויפגעהויבען
הויך און שטאלץ די פאהן די נייע.
פיהרט זי עפענטליך און זיכער
איהר פערשאלטענע חבריה...

„זעהסט? האלב־נאקעט, אין דער לופטען
פריי די שווארצע האר צושאטען,
געהט א „כשר־טאנץ״ די קליפה;
„סעודת־מצוה״!״ שרייט דער שטן.

„סעודת־מצוה! סעודת־מצוה!״
הילכט אין אלע גיהנום־קרייזען...
זעהסטו, זעהסט די צייהן, די נעגעל,
שארף ווי מעסער, שטארק ווי אייזען?

שארבענס, רוקענס טרעשטשען... שדים
גראבען, גראבלען זיך ווי ווערים,
מיט די הענד און פיס פערפלאנטערט
אין צושליידערטע געדערים!...

„שדים הוליען, פייפען, טאנצען,
זאבי און שכור פון נקמה...

. . . .

אך, פערלעש, פערלעש דאס קנייטעל,
אלטע, עלענדע נשמה!"...

פון טאג־בוך.

אין פורפור־רויטע וואלקען
פערגעהט דער אווענד־שיין.
דאס, זאגט־מען, איז א צייכען,
אז ס'וועלען ווינטען זיין.

אין פורפור־רויטע פלאמען
געהט־אויף מיין בת־השיר;
די סטרונעס מיינע דיענען
אלס מאגנעט־ווייזער מיר.

די סטרונעס פון מיין הארפע
די נערוועז פון מיין ליעד —
זיי ציטערען, זיי צאפּלען...
א צויבער־כח זידט.

און שלאגט פון יעדען פאדעם
מיט שמחה און מיט פיין:
„— עס וועלען רוישען ווינדטען!
עס וועלען שטורמס זיין!

„וואכט־אויף, גבורים־הערצער!
שטרענגט־אן זיך, העלדען־הענד!
צובּרעכט די אלטע דעכער,
צעוואָרפט די אלטע ווענד.

„זיי קאָנען שוין ניט שיצען
פון קעלט און ווינד... גענוג!
ארויס אין פעלד, אנטקעגען
דעם העלען פריהלינגס־צוג!

„עס פיהלען שוין זיין אבקלאנג —
פון ערשטען שטראַל צוגליהט —
די סטרונעס פון מיין הארפע,
די נערוועך פון מיין ליעד"...

ניין, וועה צו מיר, ניין!
איך פיהל זיי, איך שפיר,
די צארען־געשרייען
די פלאמען, די קלאנגען.

זיי גליהען אין מיר,
זיי הילכען אין מיר,
זיי זינגען דאס הארץ מיר
ווי שפּינען, ווי שלאנגען;

און רידער איך נור אן
די סטרונעס – פערשמידעט
דער וועהטאג מיין שטים
אין שטאהלענע קייטען.

און שלאף איז מיין ליעד
און קאלט איז מיין ליעד:
ניט גאלד – נור א גאלד־פארב.
ניט בלומען – נור קוויטען...

די נײנציגסטע נאכט,
דעם נײנציגסטען טאג
בעגלייט איך אין ליידען,
און, גארענדיג ווידער,

פון וועהטאג־בעט פליהט
מיין גרוס און מיין קלאג
צו אייך, מיינע ווייטע
חברים און ברידער!

דער שטראם הויבט מיך אויף,
ער טראגט מיך, ער ציהט
צום שטורם און פלאם,
צו קעמפפען און שטרעבען.

ס'וויל פּלאַצען דאָס האַרץ, —
זאָל ס'פּלאַצען! מיין ליעד —
מיין ליעד זאָל נאָר קלינגען,
מיין האַרפּע זאָל לעבען!...

איינער פון די בעסטע.

I.

צו מיכל גארדאן.

(געשריבען ביים הערויסגאַנג פון זיין בוך „יודישע ליעדער).

וואס איז דאס געווארען? וואס זעה איך און הער? —
די קליינע זילבערנע גלעקעלעך קלינגען...
די טייבעלעך ווארקען... קאַנארעקלעך זינגען...
דאס וויעגעלע וויעגט זיך אהין און אהער...

דאס וויעגעלע וויעגט זיך... דאס לעמפעלע ברענט...
די באַבעניו זיצט איבער מיך אנגעבויגען;
איך זעה איהרע קליינינקע, דארינקע הענד,
איך קוק אין די אלטינקע, דונקעלע אויגען.

זי ארבייט דעם זאק און זי זינגט ווי אמאל:
„איהר זייט דאך רב איד, אין פאלטאווע געוועזען".
א דאנק אייך, רב מיכל, א דאנק טויזענד מאל! —
איך האב אייער ביכעל „ליעדער" געלעזען.

איהר האט ווידער פרעהליך און יונג מיך געמאכט,
ווי ליכטיג איז מיר אויפ'ן הארצען געווארען! —
איהר האט מיר א גרוס פון מיין קינדהייט געבראכט
א גרוס פון די ליכטיגע, גליקליכע יאהרען...

* *
*

איהר זייט פון די ערשטע, וואס זענען ביי־נאכט
פון שלאף צווישען יודען געווארען ערוואכט,
צו קלאפען צו זיי אין די פענסטער און טהירען —
ארויס אויף די ליכטיגע וועלט זיי צו פיהרען.

איך זעה אייער יודישע מוזע געקליידט
אין פראסטע, אלטמאדישע, יודישע בגדים;
דערפאר אבער זענען זיי גענייט
בעל־הבית'יש: אי שטארק, אי מיט כשר'ע פאדעם...

אהן קונצען, אהן צאצקעס, פראסטארנע און לאנג,
זי זאל אומעטום פריי און רוהיג זיך פיהלען —
אין שוהל ביים באלעמער, אין קלויז אויף דער באנק
און אויך אויפ'ן מארק, וואו די יאטקע־הינד בילען...

די יודישע מוזע! איהר איז דאך בעשערט
צו קריכען אין אלערליי יודישע בלאטעס,
מיט חסידישע שטריימלעך, פאנטאפעל, קאפאטעס,
וואס זענען א קופערנעם גראשען ניט ווערטה; —

צו כשר'ען הערצער, צו שייערען קעפ
און האפען ניט זעלטען אי קללות, אי קלעפ...
די אלטע יתומה אהן טאטען אהן מאמען,
וואס שלעפט אויף די פלייצעס א טארבע מיט גראמען...

דערפאר אבער וואס פאר א פייערדיג הערץ
האט איהר במתנה דער בורא געגעבען! —
דער יודישער אומגליק, דער יודישער שמערץ,
דאס גאנצע פער'חשכ'טע יודישע לעבען —

עס קאכט און עס זידט און עס פליסט ווי א טייך
פון יעדער זשארגאנישער שורה בײַ אייך.
ניטא קיין צעזור און קיין משקל בײ'ם זמר,
דערפאר אבער טרעהרען — האטש שעפ מיט אנ'עמער.

דערפאר אבער וועהטאג און טרויער און שמערץ,
דערצו מיט'ן אמת'ן יודישען קרעכץ,
פון וועלכען א טוידטער קען לעבעדיג ווערען,
א שטיין זיך צוגיסען אין ביטערע טרעהרען —

אט דאס איז — כל דכפין — קומט, טרינקט זיך גוט אן
טרינקט, יודען, ס'איז פול און וועט ליידיג ניט ווערען —
דער הדס מיט פעפער, דער בעכער מיט טרעהרען,
דאס יודישע ליעדעל פון מיכל גארדאן!

II.

אויף מיכל גארדאָן'ס קבר.

נאָך אַ קבר, נאָך אַ הערץ
איז שוין טויט און קאַלט געוואָרען,
פריי פון פרייד און פריי פון שמערץ,
פריי פון ליעבע און פון צאָרען.

אויף דער ערד, אויף אש און שטרוי
פאַלט אַראָב די אַלטע פיעדעל, -
מיט'ן טיעפען לעצטען „אוי!"
נעהמט אַנ'עק דאָס נאַריש ליעדעל.

הויך און ערענסט, טיעף און שטאַרק
האָט אַמאָל דאָס ליעד געקלונגען...
און אַנ'עק! — אַראָב פון מאַרק! —
האַדיע וויינען, האַדיע זינגען!...

שלאָף־זשע זיס אין דיין געצעלט,
ליעבע, טהייערע נשמה!
נעהם מיט זיך אויף יענע וועלט
כאָטש די איינציגע נחמה.

אז דיין ליעד, דיין יודיש ליעד
וועט נאך לאנגע יאהרען קלינגען
און וואו נור עס לעבט א יוד,
וועט מען דיינע ליעדער זינגען.

שלאף־זשע פריי פון לייד און פיין;
שלאף, נשמה, ליעבע, פיינע!
דיינע ליעדער וועלען זיין,
אייביג זיין קֳדָשִׁים דיינע!...

א חלום.

שטעה אויף, שטעה אויף, מיין ליעבעס קינד!
דער ווינטער איז פערגאנגען;
עס וועהט פון פעלד א פרישער ווינד
און בויגט די גרינע זאנגען.

די פייגען־בוימער בליהען שוין,
די אוילבערט־בוימער גלאנצען,
די גרינע וועלדער ווי א קרוין
דעם הויכען בארג בעקראנצען.

אין גרינעם גארטען אין דער פריה
הער איך די פויגעל זינגען;
איך הער די גלעקלעך פון די פיה
אויף אלע לאנקעס קלינגען.

עס שיינט די זון, עס וועהט דער ווינד...
אך, וויפיעל גראז און בלומען!...
שטעה אויף מיין קינד, מיין ליעבעס קינד —
דער זומער איז געקומען!
שטעה אויף!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

...שטעה אויף, דו נארר! דו אלטער נארר!
דו רעדסט פון היטץ און פיעבער...
דו רעדסט פון שלאף, ביזט טויב און בלינד...
דער רעגען גיעסט פון אויבען,
אין קוימען רוישט און ברומט דער ווינד,
עס ציטערען די שויבען...

דער רבי זיצט ביי׳ם טיש און שרייט:
„— נו, זאג־זשע, זאג, ישראל׳יק!...״
עס רוישט אין קאפּ, עס שטעכט אין זייט —
עס געהט די סדרה בלק...

די אלטע סדרה... אלטע שמיץ...
די אלטע, אלטע קולות...
די טייטעל ארבייט מיט דעם שפּיץ,
דער קאנטשיק טאנצט א פרעהליכם...

דער אלטער דלות קריכט אין הויף;
די אלטע צרות געהען...
„וואך אויף, דו אלטער נארר, וואך אויף! —
שוין צייט דיר אויפצושטעהען!...

אומווילינע קרבנות.

אין אדלער האט מען היינט דער'הרג'עט,
פון פעלד אין יעגער־שטוב געבראכט.
די טויטע פליגלען ברייט צו־ווארפען,
די העלע אויגען צוגעמאכט —
איז ער געבליבען ליגען דארטען
אין בלוט, אין שמוץ... דעם פריץ'ס הונד
האט איהם ארומגעשמעקט מיט חשק
גענומען לעקען פון דער וואונד
די לעצטע טראפענס, און געווארט'שעט
פון פערגעניגען... ס'האט די נאכט
דעם עופות־הויף אין רוה פערוויקעלט,
די טהירלעך, לאדען צוגעמאכט.
עס זיינען רוהיג אין די שטייגען
געזעסען דארט, פון קעלט בעשיצט,

די פעטע גענז, די דיקע ענטען,
אין שלאָף געקוויקט זיך און געשוויצט...
און נור דער פעלזען־קוואל האט רוישענד
זיין פרייען שטראם אין טהאל געיאגט,
געשפריצט ארום מיט טרערען־פערעל
און אויף דעם אדלער'ס טויט געקלאגט...

*

* *

יא, אמת, שטאלצער, שטארקער אדלער!
דו, אלטער העלד פון לופט און שיין!
דיין נעסט איז אויך ניט פריי פון שאדען,
עס רייסט זיך אויך אהין אריין
דער צפון־ווינד מיט פרעסט און שנייען...
ער פייפט, ער טאנצט, ער דרעהט זיך ווילד
ער פרובט צובּרעכען דיינע פליעגלען,
דיין אדלער־ברוסט — דיין העלדען־שילד.
נאר דו הויבסט אויף דעם קאפּ דעם שטאלצען,
צושפּרייטסט די פליעגלען ברייט און פריי
און ווידער קעמפּפסטו, ווידער פּרובסטו
דיין גבור־מול פון דאס ניי!...

בעזיעגט דער שונא דיך דער בייזער,
לעשט אויס אין ברוסט דעם לעצטען גלוט, —
און דו בעגיסט אין פיין און וועהטאג
די קאלטע ערד מיט ווארעם בלוט...
בלייבט פארט די טרייסט דיר: ביזט געפלויגען,
געפלויגען מעכטיג הויך און ווייט;
דו האסט געלעבט אן אדלער־לעבען,
דו האסט געפיהרט א העלדען־שטרייט!...

*

* *

אך, אדלער, אדלער! זעהסטו אבער
די פוסטע נעסטעליך געבויט —
אין וויסטע חורבות, קאלטע קוימענס,
אין אלטע וועגד? צו יעדען פלויט,
צו יעדען צווייגעל צוגעטוליעט,
אין יעדען שפאלט, ביי יעדער בריק?
דו זעהסט די נעסטעליך די פוסטע?
די לעצטע טרייסט, דאס איינציגע גליק
איז דארט דאס ווינקעלע דאס שטילע,
דאס ביסעל ווארימקייט אין קעלט,

דער מילדער בּליק מיט פרייד און פּחד
ארויף, צום ווייטען הימעל־צעלט —
צו געהט שוין ניט דער ליעבער פריהלינג,
ס'זאל זיין חאטש וואו, אין פעלד, אין טהאל
א טרוקען קערענדיל געפינען,
א פליעג, א ווערעמיל אמאל...
דו זעהסט די פויגעלעך די טויטע?
זיי האט דער ווינד פערוועהט מיט שנעע,
מיט שארפע נאדלען אויסגעשטאכען
די קלאהרע אויגעלעך בּיי זיי.
די שוואכע פליעגעליך צובּראכען,
דערשטיקט, און טויטען שלאף פערשמיעדט;
און איז זיך פריי אוועקגעפלויגען,
און לאכט, און זינגט זיין תּלין־ליעד!...

*

* *

איהר, אדלערן, קאנט אפּט זיך רעטען
פון טויט־געפאהר און פון געוואלד:
ניטא פאר אייך צו־הויך אין הימעל,
ניטא פאר אייך צו־טיעף אין וואלד.

איהר ווילט ניט אדלערן! איהר ווילט ניט
פון שונא אבטרעטען א טריט,
און זיי די עלענדע און שוואכע,
זיי קאנען ניט, זיי קאנען ניט!!...

צוויי טאסטען.

ווי אויסגעטאקט פון אלטען העלפאנד־ביין
א הוילער שארבען. אויגען טיעפע, בלאהע
ווי ים־וואסער; א בארד א לאנגע, גראהע.
א מויל, אנ׳איינגעפאלענעס, אהן צייהן.
א וואוקס א הויכער. אקסלען דארע, שמאלע.
די ברוסט, דער רוקען — הויט און ביינער גאלע...
א זאמד־אוהר האלט ער אין דער לינקער האנד,
אַ קאָסע — אין דער רעכטער... דורות בליהען
און וועלקען ווי די בלעטער... יאהרען פליהען
פארביי ווי שאטענס אויף א ווייסער וואנד...
ניטא פאר איהם קיין שנאה, קיין רחמנות,
ניטא קיין פרייד, קיין לייד, קיין שמערץ און וואונד...
פארצייטען איז געוועז זיין נאמען „קראנאס״,
„די וועלט־געשיכטע״ — רופט מען איהם אצונד...
דער אלטער אבגאט שטעהט און שווייגט, בעדאלטען
אין טויטען גראהען נעבעל אין דער הויך...

נאר ערגעץ דארטען, דורכ'ן פולווער־רויך
אין קויטען־קלאנג, פון אבגרונד פונ'ם קאלטען
צוויי טאסטען הער איך קלינגען שטארק און הויך.

I.

מיט ליכט פערגאסען איז דער זאל,
דער טיש בעפוצט מיט פרישע בלומען;
שאמפאניער פליסט ווי פון א קוואל...
עס קלינגט און זינגט דער גאנצער זאל
א וויוואט! — „ניי־יאהר איז געקומען!"...
א בירגער־יום־טוב איז אין לאנד,
כ'מוז אויך מיין בירגער חוב ערפיהלען,
כ'מוז נעהמען אויך א כוס אין האנד
און נאכ'ן טאקט א וויוואט שפיעלען...
ניין, ניין, לאזט רוהיג שטעהן דעם וויין —
כ'דארף קיינעם ניט מטריח זיין:
מיין כוס איז לאנג שוין פול געווארען
מיט גיפט און האס, מיט פיין און צארען, —
כ'גיס־אויס איהם דיר אין פנים היינט,

עס זאל אין היטץ, אין קעלט, אין רעגען,
וואוהין דו ווענסט זיך נאר בעוועגען,
בעגלייטען דיר אויף אלע וועגען
מיין לייד, מיין פיין; אָ, בייזער פיינד!...

II.

די נאכט איז טויב, די נאכט איז שטום
און שרעקליך פינסטער איז ארום...
מיין פריינד! פון שטאהל איז אויסגעגאסען
דיין גייסט, ער פלאמט מיט העלדען מאכט;
דיין הארץ פאר טרייסט איז ניט פערמאכט,
דיין טהיר פאר האפנונג ניט פערשלאסען;
עס זענען אבער דיק די וועגד
און שטארק די שלעסער און די ריגלען, —
און דו פערברעכסט מיט פיין די הענד,
די פעסט פערשמיעדטע אדלער־פליעגלען...
א יאהר אוועק... ס'איז ניי־יאהר היינט —
און דורכ'ן נעבעל דורכ'ן שווארצען
בעגריס איך דיך, מיין ווייטער פריינד,
פון טיעפען ברידערליכען הארצען

מיט איין געפיהל, מיט איין בעגעהר:
עס זאל אין שווערען קאמפף און שטערבען
פערזיסען דיר מיין הייסע טרעהר
דעם גיפט פון דיין פער׳סמ׳טען לעבען!...

קריטישע און סאטירישע לידער

פאנטאזיע.

דער מענש איז א סוחר,
די וועלט א יריד;
מ'האנדעלט, מ'וואנדעלט
מ'קאכט און מ'זידט,
ס'איז ממש גאר רעכט
א כפרה צו ווערען,
אבי צו בעקומען
דעם רֶוַח וואס מעהר...
אך ניין, ניט קיין רֶוַח,
איך וויל, איך בעגעהער —
ניט אב מיר צוריק
דעם קרן, דעם קרן!...

איך האב אין דעם האנדעל
דאך איינגעלעגט אלץ,
דאס טהייערסטע גוטס אויף דער וועלט:
מיין קינדהייט, מיין יוגענד,
מיין זין און מיין הארץ
האב איך אין סכנות געשטעלט.

נעיאגט זיך נאך רֶוַח —
נאך כבוד, נאך יחוס,
געארבייט, געקאכט אהן א שיעור...
אך, ברידערלעך, לאזט מיך
ארוים שוין פון שותפות —
צו שווער איז דער האנדעל פאר מיר! —

צו גרוים איז דער קרן,
צו קליין איז דער רֶוַח...
נעהמט, נעהמט אייך אין גאנצען
די פרייד און דאס גליק,
אי יחוס, אי כבוד,
אי חכמה, אי גבורה,
מיר גיט נאר מיין יוגענד,
מיין יוגענד צוריק!

אך, גיט מיר צוריק
די גאלדענע יאהרען,
וואס זענען פערגאנגען
אויף אייביג פאר מיר,
אך, עפענט מיר אויף
דעם טויער פון גלויבען,

פון קראפט און פון האפנונג
די גאלדענע טהיר!...

איהר קוקט אויף מיר, ברידער,
איהר זיפצט, איהר בעדויערט
מיין ארימעס לעבען,
מיין נארישען זין...
אך, ארימע מענשען,
אך, נארישע מענשען,
איהר ווייסט ניט,
פערשטעהט ניט,
ווי גליקליך איך בין! —
ווי גליקליך איך בין
ווען, פריי ווי אנ'אדלער,
צושפרייט זיינע פליגעל
מיין גייסט און ער פליהט
אהין, וואו עס שיינען
די אייביגע שטערען
וואו אייביגע יוגענד
דופטעט און בליהט,
וואו אונזערע פריידען
און אוזערע ליידען
געפינען זיך ניט!...

די קארטענ־װארפערקע.

א פאר פערדארטע, אלטע הענד,
נור הויט און ביינער ווי די חארטען;
אנ'אלטער שלייער אויפ'ן קאפּ,
אנ'אלט פערשמאלצען פעסעל קארטען.

אט האט איהר זי ווי אבגעמאלט,
די קארטענ־װארפערקע, א זקנה,
נישטא — זוכט אום די גאנצע וועלט —
נישטא איהר גלייכען, זי איז איינע.

דאס אלטע פעסעל קארטען — אח,
רבותים, גיט מיר צו פערשטעהען,
וואס פאר א כח ליעגט אין דעם,
וואס קאן אלץ וויסען, הערען, זעהען?...

נו, גיבער, באבע, גיבער, נעהם
צולעג די קארטען, מאך קיין שהיות:
דו הערסט, ווי שרעקליך קלאפּט מיין הארץ?
דו זעהסט? — עס געהט מיר אום מיין חיות...

נישט פון דער־הײם בין איך צו דיר
געקומען; נײן, איך בין געװעזען
אין פיעל מקומות און געזוכט,
געזוכט א מיטעל זיך צו נעזען.

חכמים, לומדים, גרויסע לײט,
די קרוין פון אונזער קאפּ, די ציהרונג
פון אונזער פאלק — איך האב געהאפט
פון זײ צו האבען א קורירונג.

צו זײ געװענדעט האב איך מיך
מיט א געבעט אין מײנע ליעדער,
איך האב געװײנט, געקלאגט פאר זײ:
אח, האט רחמנות, ליעבע ברידער!

הײלט אוים מײן הארץ, מײן קראנקעס הארץ,
פערשליסט דעם קװאל פון מײנע טרעהרען;
בלאזט אויף אין מיר אײן הײסען פונק,
צינדט אן אין מיר אײן העלען שטערען.

קעהרט אום מײן הארץ, מײן קראנקען הארץ,
דעם אלטען הײסען, רײנעם גלויבען;
עס זאל די האפנונג נאך אמאל
װי פריהער שײנען מיר פון אויבען.

איך האב אמאל געהאט א גייסט
מיט גרויסע, שטארקע, ווייסע פליגעל...
א ברוסט געקאוועט ווי פון שטאהל
און אויגען העלע ווי א שפיגעל;

איך האב געגלויבט: איך וועל מיין פאלק
פון שלאף ערוועקען און בעפרייען;
זיין אלטע ברוסט, זיין אלטען גייסט
מיט קראפט בעפרישען און בענייען.

איך וועל איהם צייגען, וואו עס ליעגט
דער רעכטער וועג, וואס וועט איהם פיהרען
צו קראפט און לעבען, ליכט און גליק,
זיין קאפ בעקרוינען און בעצירען.

איך האב געגלויבט... און זעהט, וואוהין
דאס לעבען האט מיך איצט פערטריבען!
פארביי מיין האפנונג און מיין קראפט,
נור טרעהרען זענען מיר געבליבען.

איך זינג ביינאכט מיין קינה־ליעד,
איך זינג — און מיינע שכנים זאגען:
— „אח, ווען וועט ער שוין שלאפען געהן
און וועט שוין אויפהערען צו קלאגען?!“...

חכמים, לומדים, גרויסע לייט —
איך בין אומזיסט צו זיי נאך עצות
געגאנגען. אלע הערען מיך
פערוואונדערט, קוועטשען מיט די פלייצעס;

זיי ווייסען ניט, פערשטעהען ניט
מיין שמערץ. מיין יאמער טהוט זיי שרעקען...
נו, באבע, אפשר וועט די קארט
דער רעכטען אמת מיר ענטפלעקען?

נו, זאג־זשע, זאג, וואס זעהסטו דארט? —
א בריעף?... א וועג?... נו, נו... א סבה?...
דו שווייגסט, דו לאזט דעם קאפ אראב?...
דו וויינסט?... אח, וויין ניט, וויין ניט, ליעבע!

געה, אלטע, געה געזונדערהייד!
דיין קארט וועט מיר קיין נייס ניט זאגען...
איך וויים מיין גורל אויף דער וועלט
און רוהיג וועל איך איהם פערטראגען.

איך וויים: מיין ליעד איז ווי א קוואל,
עס קען ניט אויסגעטריקענט ווערען;
נו, קלאג־זשע, קלאג, מיין ליעד ביז וואן
דו וועסט ניט אויסגעהן אין טרעהרען!...

נאכט־בילדער.

אך, ווי שמוציג, פינסטער, נאס,
איז אויף אונזער אלטער גאס!
טיהרען, פענסטער שטעהן אפען
און דער עולם – אלע שלאפען;
שלאפען קינדער, שלאפען זקנים;
בלינדע, קראנקע – אלע אינ׳איינעם!
אויף דעם פארקאן אויבען־אן
שטעהט און שרייט דער אלטער האן –
שטעהט און שרייט זיי חי וקים,
צו א לעבען, צו א נייעם
פונ׳ם שלאף צו וועקען זיי...
אך, אומזיסט איז זיין געשריי!...
שטארקער דארף מען זיין פון אייזען
דאס צו זעהען, ליעבער גאט!
קומט אביסעל, כ׳וועל אייך ווייזען
ווי מע שלאפט ביי אונז אין שטאדט:

*
*   *

דאס וועלט'ל דרעהט זיך,
דאס לעבען געהט זיך:
מע לויפט
מע וואנדעלט,
מע קויפט,
מע האנדעלט;
מע מאכט געשעפטלעך
ביז'ן טוידט
און טאקי אפטלעך
זיצט מען אהן ברויט...

מען קריכט צום אסעססאר
מע לעקט איהם די פינגער,
די מכה ווערט גרעסער,
דער בייטעל ווערט גרינגער...
מע שיט חאבארלעך
אזוי ווי בארלעך,
מיט א קרעכץ,
לינקס און רעכטס...

מע פאהרט אין טאלנע!
שִׁירַיִם חאַפּען —
אז דער קווארטאלנע
זאל מעהר ניט קלאפּען...
אין באלטע, אין האמעל
מאכט זיך א סבה:
מע חאפּט א פּאגראמעל
און מע זאגט „ספּאסיבא"...

מע לויפט,
מע וואנדעלט,
מע קויפט,
מע האנדעלט:
טרייבט מען פון מאסקווא —
לויפט מען אין האלע;
יאגט מען פון האלע —
לויפט מען אין שפּאלע;
פון שפּאלע טרייבט מען —
איז דארף מען זיך סטארען:
קאן מען — בלייבט מען,
און וואַרגט זיך, נאררען!

אויב ניט – איז ווידער
א דרעה די מאשינע:
עס, רוסלאנד, ברידער
איז א גרויסע מדינה!
ניט דא – איז דארט,
וואס זאל מען מאכען?
און טאקע פארט
די אלטע זאכען:

מע לויפט,
מע וואנדעלט,
מע קויפט,
מע האנדעלט;
מע קלייבט א גבאי
הושענה־רבה,
מע האפט עליות –
עס איז א חיות!
מע האט א שטאדט
אין שוהל ביים ארון,
מע געהט אין באד –
צו לאנגע יאהרען!

מע קלייבט רבנים,
מע הערט חזנים,
מע האלט א כאר, —
עס האט א פנים
פון דריי שווארץ־יאהר!...

א בריוועלע.

... מכתבך, חבר טהייערער,
קבלתי, ווי די ביהנעלעך
די פרעהליכע פון ביהנענשטאק
אין העלער זומער־שיין,
האט רוישענד זיך א שאט געטהון
א גאנצע מחנה גלענצענדע
זכרונות פון די גאלדענע
און ליעבע קינדהייטס־טעג —
זכרונות פון א יודישע
דערשראקענע נשמה׳לע,
א צאפעלדיגע טייבעלע,
וואס אויפ׳ן ערשטען טריט
פון וויענעל תאפט עס אומגעריכט
א שטוים, א שליידער... ארימע
און עלענדע יתומה׳לע!...
זכרונות... דו געדענקסט?

אמאל, אין חדר געהענדיג,
פלעגט דער בעהעלפער שלאגען אונז,
דערנאך אין חדר קומענדיג,
דער רבי געבען קלעפּ;
געפּייניגט און געקאטעוועט
פון דאנערשטאג ביז דאנער'שטאג,
זיך קלאגען, דו, ליידאק!...
מסתמא, דו געדענקסט זיי נאך,
און שא! דער מאמען סמעיע ניט,
די טעג, די זיסע, גאלדענע...
איצט פרעגסטו, חבר טהייערער,
וואס הערט זיך נייעס ביי אונז
אין שטעדטיל? — עט, מ'שטיינס געזאגט,
נייעס! גארנישט: יודען הונגערען
און קרענקען ווי דער מנהג איז;
די גבירים העלפען זיי —
מיט איינגעמאכטס, מיט לימנעס
(נאטירליך ווען זיי גוסס'ען
אין בית־החולים אונזערען,
ניט אין דער היים ביי זיך)...
אזוי איז פון קדמונים שוין

בײַ אונז אין שטעדטיל אײַנגעפירהרט,
אזוי ווי כמה אנדערע
מנהגים אויף דער וועלט;
צום בײַשפּיעל נעהמען: קריענען זיך
מיט זידלערייען, שעלטעניש
און, אז גאט העלפט, מיט פּעטש אמאל
מה רעש? מען ווערט אײַנגעוועהנט —
א פּאטש איז קײן סכנה ניט,
מ׳גיט צוריק מיט רוח נאך
און וויעדער גוטע פרײַנד!...
איז מאכט זיך אויף צו־להכעיס גאר
בײַ אונז אזא מין קאמעדיע:
צוויי בעלי־בתּים האבען זיך
צוקריעגט, און טרעף פאר וואס?
הא? פאר א שטאט אין מזרח־וואנד!...
אין קלויז בײַ אונז איז קאלט און פייכט
און פינסטער, א דערשטיקעניש;
דאס דאך איז אלט און פויל,
די ווענד פערשימעלט; יאהרען לאנג
ניט רעמאנטירט ווי ס׳דארף צו זײַן,
אפילו ניט פערריכט אמאל

קיין פענסטער און קיין טהיר.
דער עולם רעדט: קיין עֲוָלָה ניט
וואלט זיין, די „פאהן די גאלדענע"
זאל עפּעס טהון, עס זאלען זיך
א ריהר טהון פונ'ם שלאף
די פּני, די פּריצים אונזערע —
צייט, כ'לעבען, לאנג שוין צייט!...
אין מיטען דרינען, אומגעריכט,
ווערט א מלחמה... גאט מיין הארר!
עס דונערט און עס בליצט,
די גאנצע וועלט געהט חָאדָאראָם...
וואס איז? היות אין מזרח־וואנד
איז דא א שטאט וואס יעדערען
פערווילט זיך זיצען דארט...
די שטאט, בעדארף איך זאגען דיר,
איז איינענטליך, א פרעמדע גאר —
געהערט צו א פעראַרימטען,
אנ'אלטען בעל־הבית;
דער בעל־הבית, פערשטעהסטו מיך,
ליעגט נעביך אין שפּיטאל ביי אונז
שוין יאהרען־לאנג... נאר ניין, מיין פריינד,

וואס טויגען חקירות דא?
דער עיקר איז — אין ארימען,
איז וויסטען שטעדטיל אונזערען
איז חושך!... ווי די הינד
אויף א נבלה, האבען זיך
א שאט געטהון, א ווארף געטהון
דער שווארצער יאהר ווייסט ווער —
בינדיוזשניקעס און באדריונגען,
שכּורים און אָסטראָזשניקעס...
עס פליהען קלעפּ ווי האלץ,
בלוט שפריצט און טרעהרען ביטערע
פערגיסען אונז, פערפליסען אונז...
אנ׳עולם־הפוך, ברודערקע,
א גיהנום, ליעבער פריינד!
עס ברענט, און מענשען טרינקען זיך
אין לייד, אין פּיין, אין שרעקעניש...
שלעכט, ביטער!... און ביים רב
זיצט אנ׳אסיפה: ס׳האלטען זיך
אנ׳עצה, קלערען, טראכטען דארט
די בעלי־מוחות אונזערע,
און ריידען רעדט מען דארט

אז פונ'ם שלאק פון אונזערען
וועט גאר ארויס איה"ש
א טובה פאר'ן כלל:
מ'וועט גבאים אויסקלייבען
גאר נייע... הערסטו? אמת'ע
מתעסקים, רעכטע וועלט־טהוער,
וואס וועלען ווי א שטראם
פון אונזער לעבען אבשווענקען
דעם שאנד און שמוץ, דאס העסליכע
און שווערע שקלאווערייי...
איך הער זיך־צו צו זייערע
הבטחות — בוימאויל ווארימע
צוגיסט־זיך אויפ'ן הארץ ביי מיר,
א חיות געהט ארום
אין יעדען גליעד... אך, טהייערער
און ליעבער פריינד! דו קענסט דאך מיך:
איך בין ניט קיין פאליטיקער,
איך בין א פראסטער יוד
אויף קיין אסיפות געה איך ניט,
קיין עצות קהל גיעב איך ניט
און זאג קיין דעות ניט;

נאר אין מיין ארים ווינקעלע
פון קינדווייז עלענד זיצענדיג,
אוי, פיהל איך יעדען שטאך
און יעדען בריה!... איך ווארט, איך האף
און גלויב — איך, קבצן ביטערער,
איך קאליקע פערזאמערטער,
דערשראקענער, דערשלאגענער,
איך ווארט, איך האף, איך גלויב!...
דערווייל איז אבער, ברודערקע
שלעכט, ביטער!... כל ישראל — שטעהט —
חברים, און די קלעפ,
די קלעפ, די שווערע אייזערנע
חאפ איך דערווייל!... די פני,
די מיוחסים אונזערע —
זיי גרייטען זיך אין גיכען שוין
נבאים קלייבען... איינינע
געניסען שוין פאראוים
די גדולה פון א גבאי זיין,
דאס מתיקות, דעם גן־עדן־טעם
פון זיצען אויבען־אן...
און איך, איך קבצן פינסטערער,

פערגעה דערווייל פון נויטה, פון פיין,
פון גוואלד, פון אנגסט. פון שרעקעניש...
די לעצטע כחות צאנקען שוין,
דאס חיות געהט מיר אויס!...

איהר הערט דעם קלאג דעם ביטערען,
דעם יאמער און געשריי?
זאגט, ליעבע פריינד, וואס ענטפערט מען,
וואס ענטפערט מען אויף זיי?!...

משיח׳ס־צייטען.

ער געהט.

אין בן דוד בא אלא בדור
שכלו זכאי או שכלו חיב.
(א גמרא)

„— מזל־טוב איך, ליעבע ברידער!
הוליעט יודען, אהן א שיעור!
אלע אדערן און גליעדער
זינגען, פרעהען זיך אין מיר...

וואס מיר עשו, ווער מיר המן,
וואו מיר אנגסטען, שרעק און לייד;
לויבט און דאנקט זיין ליעבען נאמען,
זינגט און טאנצט — משיח געהט!

יא, דער אמת׳ער, דער אלטער
גואל־צדק. אין דער האנד
נישט קיין פאהן — א שופר האלט ער,
בלאזט און רופט אין הייליג לאנד:

„— מלא חדוה, מלא דיצה,
קומט, רב איצע, קומט, רב פּיצע,
גרייט זיך־צו און איין מעת־לעת
מיט דעם גאנצען פערגעניעגען:
מיט די וויעגען, מיט די ציגען,
מיט'ן פּסח'דיגען געפּעס;
אלע פיינע, אלע וואוילע,
פרומע קינדער אויף דער וועלט!"...
הילכיג געהט די תקיעה־גדולה,
פרעהליך שפּרינגען וואלד און פעלד...
און אנ'עק דער סדרה בלק!..."

מיט די ווערטער, ווי א ווינד —
האסטיג, פליהענדיג, געשווינד,
לויפט אריין צו מיר ישראל'יק,
מיינס א שטיקעל שוועסטער־קינד;
טהוט א ווארף א גרויסען, דיקען
פּאק גאזעטען אויפ'ן טיש:
— „נא! ס'איז ממש זיך צו קוויקען —
ווארים, צאפּעלדיג און פריש;

יעדער נומער, יעדער בויגען,
יעדע שורה אין דעם פּאַק,
וועט דיר עפענען די אויגען.
לייען, ברודער... הא? — געשמאַק?...

טעלעגראַמעס פליהען — שרעקליך! —
מאַרטיניקאַ בראַט און ברענט:
מענשען, חיות, ביימער, ווענד
רייסט און ברעכט דער שטורם אויף ברעקליך;
און קרבנות שעכט דער טויט
צעהנדליג־טויזענדווייז טאָג־טעגליך...
ווי־זשע מיינסטו — איז עס מעגליך —
פּלוצים, פון דער העלער־הויט?
נעה שוין, נעה, דערצעהל מיר שמאַכטעס;
נעהם א דאַך, א שטיין, א וואַלד,
צינד זיי אונטער — זידט עס, קאָכט עס,
ברענט און פלאַקערט — א געוואַלד!
אויך דאָס זעלבע, אז מיר לעזען
„מאַרטיניקאַ איז פערברענט“,
מענסטו זיכער זיין — געוועזען

זענען דארט יענקעל׳ס הענד:
מיט א סטאטשיק, א הבדלה
(צוגעדעקט זיי מיט דער פאלע)
קריכט ער צו ביי־נאכט צום בארג —
און עס ברענט!... דו מיינסט — ס׳איז קארג?...
ס׳לעגט זיך דיר ניט אויפ׳ן שׂכל?
קוקסט אין מויל מיר מיט א שמייכעל.
הער: אהן סליעדסטוועס! — א גאזעט
ווייסט מסתּמא וואס זי רעדט...
פון פאריז ביז ניקאלאיעוו
און פון קאוונא ביז אלזשיר —
כּלו חיב, כּלו חיב,
כּלו חיב — זענען מיר!...

פון א גליק פון גאר א נייעם
הערט מען ריידען — גער און שריי
צו דעם בורא חי וקים;
רציחות ווידער אין קיטיי,
א בהלה א גערודער...
ווער? — דער „גרויסער קולאק״! נעדם

אבער טיעפער, ליעבער ברודער!
נעהם מיט קאפ דעם טעם פון דעם
יא, דער „קולאק״, אמת טאקע,
נאר דער עיקר פארט איז ער,
יענקעל (זאל זיין איהם א מכה!).
ווייל, פערשטעהסטו, הארץ מיינס, ווער
שפיעלט די חתונה די שעהנע?
ווער פערקאכט דארט דעם יריד?
טשין־טשון־טשחי? א ניים, — מאחינו!
און טשאן־טפו איז אויה א יוד!״...
— א גע... מאכטער?
— „אדרבא,
ערנסט, פרום, פון שעהנסטען גראד,
א מיוחס און א גבאי
צוואנציג יאהר שוין אין חב״ד.
נעהם דארט אלע קאמאנדירען,
יענעראלען! און בסוד
האלטען און עקספלאאטירען
ווער די טאקסע, ווער די באד...
קוקסט אין מויל מיר מיט א שמייכעל?
ס'לעגט זיך דיר ניט אויפ'ן שכל?

נאר דו איינער! אַ גאזעט
ווייסט מסתמא וואס זי רעדט...
און פון פעקין ביז פּאטשאיעוו,
פון טיאן־צזין ביז סאנדאמיר —
כּלו חיב, כּלו חיב,
כּלו חיב — זענען מיר?...

ערגיץ דארט, אין חוץ לארץ;
כ'וויים — זאל זיין אין בוקארעשט,
אין גאלאץ, אין יאס, פלאיעשט —
האט אנ'אומגליק מיט א פּריץ
זיך געטראפען: טיעף פערטראכט
וועגען האבער, גערשטען, קארן —
איז ער רוהיג זיך געפאהרען
אין א בריצקעלע ביי־נאכט.
אויפ'ן וועג, דארט, וואו אין בלאטע
שווימען גענז א גאנצע ראטע
און די זשאבעס זינגען פּאר,
שטעהט א בריקעל, שוין א יאהר
זעכציג, זיעבעציג אנ'ערך

קרום און פויל און אלט ווי תרח,
אהן רעמאנט – און שטעהט זיך פארט;
טרישטשעט, טרייסעלט זיך, נאר גאר ניט
אז אין ברידה, ווילסט ניט – פאהר ניט.
און דער עולם געהט און פאהרט
איהם אריבער זעהר גערן;
היינט וואס האט מען דא צו קלערען?
אונזער פריץ טהוט א שמיץ
פאהרט ארויף און... ווי א בליץ,
ווי א פייל פון בויגען פליהט ער
פונ'ם בריקעל קאפ אין דר'ערד
מיט דער בריטשקע, מיט'ן פערד
גלייך אין בלאטע – נאס און שיטער,
קאלט און קלעפיג... נאך א גליק
וואס א פאסטוך איז געוועזען
אקוראט ניט ווייט פון בריק
און דעם פריץ מיט א שטריק
פון די זשאבעס אויסגעלעזען...
ווערט א סלעדסטוויע – ווער און וואס?
און פון וואנען, און פון וואס?
מען דערגעהט: ווער? – יענקעל! קוילעט.

הענגט איהם, שיסט. ער זאגט זיך אָב,
נאָר עס העלפט ניט. הערט מיט קאָפּ:
— „ס'איז בײַ אײַך געװען דער מולד
יענעם אָװענד?"

— יאָ.

— „אַהאַ!

און בשעת קידוש לבנה
האָסטו, ברודערקע, אַזאַ
שפּרונג געטהון פאַר גרױס כּונה,
אַז די היטעל איז פון קאָפּ
אויף דער ערד בײַ דיר אַראָב!
װאָס־זשע דאַרף מען לאַנג דאָ ברײען?
ס'איז דאָך קלאָר פאַר אַלט און יונג
אַז די בריק איז פון דײַן שפּרונג
אײַנגעפאַלען — זאָגט דער דַיָן —
על כּן, יענקעלע בעצאַהל,
װאָס זי האָט געקאָסט אַמאָל,
חאַטש פאַר'משכּן באָרד און פאות"...
קלוג, איאָ? אי קלוג, אי גוט.
אַ פּסק־דין לכל הדעות:
אין רומעניען אַ סוד

ווייסט מסתמא וואס ער טהוט!
פון מצרים און ביז קראיעוו,
פון בערדיטשעוו ביז קאאיר —
כלו חיב, כלו חיב,
כלו חיב — זענען מיר!״...

גנבות, הייזעריק, חאלערא,
פליעגען, ווערים, פילאקסערא,
קעלט, סוחאטע, האגעל, ווינד —
דער ווערט טויב און יענער בלינד;
דא איז הונגער, דארט קדחת,
דא א קלאג, דארט א געשריי —
אומעטום, לכל הפחות,
מוז א יוד זיין, אדער צוויי:
יודען טהוען אויף צו להכעים,
שנאת חנם קאכט אין זיי...
און איך שריי, און שרייען ווידער
וועל איך — אייביג אהן א שיעור:
כלו חיב, ליעבע ברידער,
כלו חיב — זענען מיר!״..

בליך און דער רוקען געבויגען
זיצט מיין ישראל׳יק. ווי בלייענע שווער
פון די פערטונקעלטע אויגען
טריפען א טרעהר נאך א טרעהר...
— „זאג־זשע מיר — פרעג איך איהם: זיי זיך מטריח
אז „כלו חיב״ ביי אונז איז שוין גרייט
טא וואר־זשע איז ער?
— משיח?
נארעלע! הערסט דאך — ער געהט!״...

משיח'ס צייטען
די פאפירענע בריק.
(א באָבע מעשה)

אין א שטעדטיל
(ווי געהייסען
האט דאס ליעבע
שטעדטיל, — ווייסען,

גלויב איך, אלע,
קליין און גרויס;
און אויב ניט,
מאכט אויך ניט אויס;

גשן, גינשפריג,
יארמעלינע —
וואס איז דא
די נפקא מינה

וואסער שטעדטיל,
וואסער טייך?
כ'שרייב דאך ניט
קיין גט פאר אייך:

אין דעם שטעדטיל,
ערב פורים,
הויך און מעכטיג
ווי א שטורם,

האט א בת־קול
זיך דערהערט:
„— יודען! גליק
איז אייך בעשערט;

„אוים בהלות,
אוים יללות,
אוים, א סוף
צו אייער גלות;

גיכער, ברידער,
מאכט זיך גרייט,
מאכט זיך גרייט —
משיח געהט!"...

* *
*

און משיח
איז געקומען...
יודען לויפען,
שרייען, ברומען,

אומגעלומפּערט
און צוהיצט,
אי פערמאַטערט,
אי פערשוויצט.

רויט ווי פּייער,
בלייך ווי מתים.
חאַפּען תּפילין
און טליתים.

ספרים, בעטגעוואַנד
און טעפּ;
ס'געהען חאַדאַרעם
די קעפּ;

א יריד, א מאַרק,
א מוֹרא;
ס'איז אין שטעדטיל
שמחת תּורה;

און שוין פלאַנען
טאַקע באַלד
מאַכען אלע,
יונג און אַלט,

ווי אזוי דארט
אנצוהויבען
גאר א נייעס,
זיסעם לעבען.

* * *

מאטיע טשוואק
דער וואסערפיהרער
האט געחאפט
דעם לעצטען פיערער

און, צופלאקערט
ווי א בליץ,
באלד אין שענק
אריין מיט היץ:

„— א גאט העלף,
אַ נו, רב חיים,
גיסט נאר אן
א כוס לחיים

און פון גרעסטען
טאקע שטאף.
וואסער פיהרען?
אוים. א סוף

ווייל אויף גאנץ
ירושלים
ווערן זיין דאך
שואבי מים

די בני גבעון!!...
גערט אין ד'רערד
אי דאם פעסעל,
אי דאם פערד!"...

* * *

„— הערסטו, סערדצע,
הערסטו האדעל,
צום שווארץ־יאהר
די שער און נאדעל,

„אוים, אנ'עק
צו שניידעריי,
און א לעבען
פון דאם ניי!" —

האט געשריגען
יענקעל שניידער:
„ב'נייה אט באלד
א קלייד פון זייד דיר

„און א שלעפּ־שאל
קויף איך דיר...
געלד? דו, בהמה, —
אהן א שיעור,

הוליעט, קינדער!
הוליעט, ברידער!
ווייל אז באלד
גאָט וועט שוין ווידער

מיט זיין גרויסער,
שטארקער האנד
פיהרען אונז
אין אונזער לאנד

און דעם בית
המקדש בויען,
בין איך דאך,
מיין ווייב, א כהן!

זייט זיך רוהיג
אין געצעלט,
און צו דיר
א גאנצע וועלט

גערט און טראגט
פון אלעם בעסטען
היהנער, טויבען
גאנצע נעסטען

מעשׂר, תּרומה
פולע זעק,
מעהל און בּוימאייל
אהן אנ׳עק.

ווארמעס קאכען,
הארץ מיינס? אח,
וואס דיר גלוסט זיך
נעהם און קאך —

א געבּראטענסעל,
אנ׳ערך,
פון די פעטסטע
שוק וָיָרֵךְ,

מיט א צימעסעל
פון שלמים
אנגעפעפערט
פול מיט בּשׂמים!

קלייב דיר אוים
דעם בעסטען ביסען
און פערטרינק
מיט יין קפריסין.

„הא? א שמאלץ־גרוב
בנאמנות...
עס און טרינק
און ברייננ קרבנות!״...

* *
*

ביי א גלעזועל
גוטען מעד
איז געזעסען
און גערעדט

משה טראליסמאן
דער סקלאדטשיק
מיט רב שלמה׳ן
דעם פאדריאדטשיק:

„— הייסט עס, קלערט איהר
נעהמען דארט
דעם פאדריאד?
גאנץ גוט. נאר פארט,

א בית־המקדש
סטרויען ... שווערליך!
היינט ביי יודען
נעה בלייב עהרליך...

ניין, איך נעהם
דעם אטקופ דארט, —
א געשעפטעל
פערוויי סארט;

פשוט זאגען,
גאלד צו שפינען,
ממון קרח
צו פערדיענען...

„— יא, רב משה,
אבער פארט,
איהר פערגעסט ניט —
וואהנען דארט

ווער דאך נאר„
דאס פאלק־ישראל,
אונזער לאנד
און אונזער קהל,

„זיין ביי זיי
א סקלאדטשיק... אח!
יודענס שכּרות
ווייסט איהר דאך:

אויף הבדלה
און אויף קידוש"...
„— אי, רב שלמה,
ס'איז א חידוש

מיר אויף אייך...
ווי הייסט... איהר הערט?
יודען טרינקען ניט!?
פערקעהרט.

גלויבט מיר, איך
וועל זיין צופריעדען;
טרינקען וועלען
מוזען יודען.

און טאקע י"ש
למען־השם;
ס'איז א פסוק
דא אויף דעם.

איהר געדענקט
דעם נביא׳ס שרייען:
הוי שכּורים *)
ולא מיין!

היינט בּעקלערט,
אז ניט פון ווייַן,
מוז דאָך דאס
פון בּראנפען זיין!״...

* *
*

נחמן־מענדעל
ציפערבּלאט,
א ניקאלאיעווער
סאלדאט,

האט געמאכט
א שמועס אין מנין
וועגען חיל
(אין דעם ענין

---

*) שכורת

מן הסתם
איז ער גענײט)
.— חיל דארף מען,
ווי דען, ניט?

יונגע לײט
איז קײן ען הרע
דא גענוג,
און ס'איז א סברא

אז פון פריזיוו
וועט מען דארט
ניט אנטלויפען;
אבער, פארט

אלץ דארף זײן דאך
בלאהאראדנע —
א פאלקאווניק
און א ראטנע,

די אוטשעניע,
דער פאראד
אויסצולערנען
דעם סאלדאט

ער זאל זיין
אין סלוזשבע פלייסינ...
איז בכן,
האטש א יאהר דרייסינ

אז איך געה
אויף קוליעס, האב
א קאנטוזיע
אין קאפ.

מיט אנ־אויסשפרוך
א פאנפאטען
(בירושה
פונ׳ם טאטען)

און די לינקע
אויג זעהט אויך
עפעס אלץ
ווי דורך א רויך

אגב, יודען,
ווי איהר זעהט,
בין איך האטש־בי
תיכף גרייט —

כדי יודען
נים פערשעמען —
די קאמאנדע
אויף זיך נעהמען;

ארטילעריע
מיט פעחאטע,
מיט הארמאטען,
ביקסען... בלאטע:

נייהט נאר אויף מיר
א מונדיר
און איך ווער
א קאמאנדיר"...

* *
*

אויפ'ן שוהל־הויף
ווערט א דראקע:
צוויי בינדיוזשניקעס,
און טאקע

די, וואס עברי
נים א ווארט,
האבען זיך
צו'טענה'ט דארט

וועגען דעם,
אויף וואָסער אַרט —
נוסח אשכנז
אדער ספרד

דאַוונען ד א ר ט ע ן
זאָל דער עולם...
„— אשכנז, בהמה!"
„— ספרד, דו, גולם!"...

„— יורקע!"... „— ממזר!!"...
און צו'ם עק —
קלעפּ געבּראַטענע,
א שרעק...

* *
*

זעהענדיג
דעם עולם'ס פרייד,
הערענדיג
די אלע רייד

מיט די פּלאַנען
פונ'ם קהל
אויפ'ן גאַנצען
לאַנד ישראל —.

— שטעהט, רבותים,
ווארט נאר אוים,
אייער גליק
איז טאקע גרוים —

האט געזאגט
משיח. — „יודען
מעגען טאקע
זיין צופריעדען,

הוליען אויפ'ן
העכסטען ארט,
וואס זיי האבען
מיך דערווארט.

אבער קודם
אלע זאכען
דארף איך דאך
ד י ב ר י ק אייך מאכען

ווי איהר ווייסט דאך,
פ ו ן פ א פ י ר,
ברייננגט־זשע
מאטעריאל צו מיר"...

„וואס? פאפיער?
אח, מיר פערמעגען
דאס אפילו
אכטצעהן וועגען:

„תנאים... גט...
פריהאד־דאסהאד...
יודען שרייבען.
דאנקען גאט!"...

*　　*
*

אויפ'ן שוהל־הויף,
וואו אין בלאטע
שווימט ארום
א גאנצע ראטע

גענז און קאטשקעס
טאג און נאכט,
איז געווען
דער סקלאד געמאכט.

יונגלעך, מיידלעך,
ווייבער, זקנים
האבען זיך
צוזאגט אינ'איינעם.

און פּאַפּיער
האָט יעדער באַלד
אַנגעבּראַכט —
אַ שרעק, אַ גוואַלד,

ספרים, ביכער,
בּלעטער, בּלעטלעך:
יודען לומדים —
נייע פּשטלעך

שאַרפע, טיפע —
על־פּי־רוב
אויף ויזתא'ס
גרויסן „ו"

אויף „צפּיחת",
„אחשתרנים"
מיט נוטריקון
און סמנים

אויף דעם רמז
וואָס איז שייך
צו די ווערטער
„שני שדיך".

אויף „שנתים"
אין „מקץ"
מיט א דרש
אויף „מוכת עץ"

די זשארגאנע
ראמאניסטען —
גאנצע פעק
פון אלע מיסטען,

ווי למשל
א ראמאן:
„דרייצעהן ווייבער
און איין מאן",

„פון א בת־מלכה
מיט צוואנציג
פעלד־גזלנים
נעבען דאנציג" —

ווי זיי האבען
מיט געוואלד
אין א גרויסען,
טיעפען וואלד

זי פערפידרט
און דארט פערבארגען
אין א הייהל,
און ווי אויף מארגען

איז געגאנגען
דורכן וואלד
א בעהעלפער
יענקעל שפאלט,

(נאך א שטעקעל
צו דעם קאנציק
פאר די יונגלעך
מק״ק דאנציג)

האט די בת־מלכה
געפונען,
די גזלנים
אין א ברונען

זעהר קלוג
אריינגענארט,
אלע צוואנציג
דארט פערשפארט

און אוועק
בײ־נאַכט פאַמעליה
מיט דער בת־מלכּה
צום מלך;

ווי דער מלך
האָט בעלוינט
דעם בעהעלפער,
וועלכער וואָהנט

איצט אין גינשפּריג,
האַלט דאָרט סקלאַדען,
פיהרט געשעפטען,
נעהמט פּאַדריאַדען...

און אַזוי
אויף דרייצעהן אייל
אַ ראָמאַן
אין זיעבען טהייל...

*
* *

די זשאַרגאָנע
גראַמען־קלייבער —
שאַרפע מחות
וואַזשנע שרייבער

מיט פאנטאזיעס
א בראנד ! —
האבען תיכף
איינגעשפאנט

א פאר ציעגען
אין א שליטען
מיט א בהמה
אין דערמיטען

און געבראכט
פאפיער א בארג
און געזאגט,
אז אויב ס'איז קארג

וועלען זיי —
מען זאל ניט זארגען —
נאך אזוי פיעל
ברייגען מארגען:

שירים, מליצות,
ווארט צו ווארט
אנ'אנטיק
צונויפגעפארט,

ווי, למשל:

טאטע,

שמאטע;

ציעגען,

פליעגען;

איציע,

פּיציע,

פּיצעריצע;

קעפּעל,

קנעפּעל,

טעפּעל

זיך;

אפיקומן,

קוימען,

רויך...

קורץ געזאגט —

אזעלכע גראמען,

וואס מען קאן

מיט זיי זיך סמ'ען...

* * *

די פאלעמישע
קריטיק —
שמאטעס, בוי
חאטש דרייצעהן בריק.

ספליאטקעס, מעשה'לעך
צום לאכען
פון אינטימנע
פרעמדע זאכען:

וואס טרינקט דער,
וואס יענער עסט,
ווער ביי וועמען
זיצט אויף קעסט, —

מיט א שפראך
וואס זי צו הערען
בעל־עגלה'ס
דארף מען ווערען...

* * *

אויף פאפּיער
פון שענסטען אַרט
האָט משיח'ן
געבראַכט

זיין אַטשאַט
דער פּרנס־חודש
וואו ס'איז יעדע
ציפער קודש:

וואָס, פון וועמען,
וויער און וועם —
און קיין קאָפּיקע
ביי דעם...

איהר אַטשאַט —
די תּלמוד־תּורה,
אָבגעדרוקט
מיט מרה שחורה...

און דער הקדש
און די שוהל —
אַנ'אַטשאַט
מיט ציפער פול:

וויפיעל שפּאַלטען,
וויפיעל לעכער
אין די ווענד
און אין די דעכער.

וויפיעל הייצונג
געהט אוועק
ס'זאָל דאָרט זיין
א קעלט — א שרעק.

דער ראַבּינער —
זיינע דרשות,
וואס פון זיי
שלאָגט אָן חלשות...

בעלי־טאַקסעס —
דעם קאָנטראַקט,
וואו עס שטעהט
בפירוש: „האַקט,

רייסט און שינדט
די הויט פון קונה,
ווי פון אייער
גרעסטען שונא"...

די רבנים,
די מופלגים —
שאלות־תשובות
וועגן סיגים.

יין־נסך
און חליצה,
סמן־נערות
און מציצה...

חברה־שניידער —
גאנצע פעק
מיט מסירות
אהן אנ׳עק:

אויף די קלעפ
הושענא־רבה
אין בית־מדרש
פאר דעם גבאי.

אויף דעם סטאראסטעס
„ד א ח א ד״,
אויף דער שוהל
און אויף דער באד...

די מלמדים
פונ׳ם שטעדטיל —
א פאדראבנעם
לאנגען צעטיל

וויפיעל מאל
אויף יעדע שעה
שטארבען זיי
פון הונגער דא;

וויפיעל קרומע
און הארבאטע
און זאאיקע
און פאנפאטע

זענען צווישען זיי
פארהאן,
און דערצו
געמאכט א פלאן

א קארטינע
פונ׳ם חדר,
וואו זיין ארט
פערנעהמט דארט יעדער:

וואו די קוואטשקע,
וואו די ציעג,
וואו די בעט
און וואו די וויעג...

וואכערניקעס —
לאנגע ספּיסקעס,
ווי געמאטעוועט
די קישקעס

ביי יתומים
און אלמנות
מיט פּראצענט —
פאר גרויס רחמנות...

דער פּאדריאדטשיק
פון דער באד
האט געבראכט
א לאנגען סטשאט.

וואו ס׳איז דייטליך
אלץ פערשריעבען,
וואס ביי איהם
איז ניט געבליבען...

פון איספראווניק
דער דיעסיאטסקע
האט געבראכט
א גאנצע טאצקע

פול מיט יודישע
דאנאסען,
און געזאגט
בזה הלשון:

— היות, דער עולם
געהט אוועק,
טא נעהמט מיט זיך
אט די פעק

ספליאטקעס, פראזבעס
אלע סארטען,
לאז מען זיי שוין
רעשען דארטען".

קורץ, פאפיער
פון אלע ווערק
גאנצע סקירדעס,
גאנצע בערג —

א דערקוויקעניש
צו זעהען!...
אבער הערט,
וואס ס'איז געשעהען:

אז משיח
האט בעטראכט,
וואס דער עולם
האט געבראכט —

אט די אלע
אלטע שמאטעס,
דא מיט לעכער,
דארט מיט לאטעס;

אט דעם שמוץ,
דאס מיסט און שטויב,
וואס עס מאכט אונז
בלינד און טויב,

וואס פערצאמט
דעם וועג דעםברייטען,
ווי מיט גראבע,
שווערע קייטען,

און עס מאכט
צו שפאט און שאנד
אונזער פאלק
אין גאנצען לאנד.

ביי דעם מינדסטען
אין די אויגען, —
האט ער טיעף
דעם קאפ געבויגען

און געזאגט:
„— ניין, ברידער, ניין...
אפשר איז דאס
גוט און שעהן.

אבער הויך
גאר אלע זאכען,
אויף די בריק,
וואס איך דארף מאכען,

ניט אזא מין
סארט פאפיער,
ליעבע ברידער,
טויג פאר מיר

* *
*

פון דעם ביטערן
אין בייזן
גלות, — יודען
צו דערלעזען״...

און משיח
האט זיין פערד
פון דעם שטעדטיל
אבגעקעהרט

און מיט טרויער,
שמערץ און צארען
ווייט פון דארט
אוועקגעפאהרען...

אין שמוינעווקע.

(רייזע־בילדער).

Schönes Grabmal meiner Ruh...
Schöne Wiege meiner Leiden,
Heine.

דער אריינפאהר.

א גרוס דיר, שמוינעווקע, די וויעג
פון מיינע זיסע קינדער יאהרען!
מיר זענען ביידע יונג געוועזן
און זענען ביידע אלט געווארען.

פערקיהלט, פערגליווערט אונזער בלוט,
פערפינסטערט אונזערע מחשבות...
די ליענסט פערשלאפען און פערבלענדט,
איך פאהר צו דיר אויף קבר־אבות...

דער בעל־עגלה שמייסט און פייפט,
די רעדער קרעכצען, קוויטשען, קנאקען;
אויף יעדען שריט און טריט איז גרייט
דער וואגען ברעכען האלז און נאקען...

נאר, מילא וואס, מ׳פאהרט אזוי
שוין כמה יאהרען — אויף ירידʼען,
אויף טארגעס, חתונות... עס בלייבט
די וועלט א וועלט, מיר — בלייבען יודען!...

אין סאמע שמוינעווקע.

נו, דאנקען גאט, געקומען!... כ׳זעה
בעקאנטע ערטער פון דערווייטען.
גוט מארגען, שמוינעווקע! עס רוישט,
עס קאכט און זידט פון אלע זייטען...

ווי פון קדמונים איז דא אלץ
אויף אלע גאסען, אלע מארקען;
דער בית־מדרש אהן א דאך,
דער בית־הקברות אהן א פארקען.

עס פייפט, עס בלאזט דער שטורם־ווינד,
אין תלמוד־תורה טל־ומטר...
און עולם לעבט! עס קאכט, עס זידט,
עס ארבעט, לעבעדיגער פאטער!...

עס קאכט און זידט, עס רוישט און ברומט,
און איך קלייב נחת אין דערמיטען...
א גאנצען טאג געה איך ארום,
איך געה ארום און מאך וויזיטען:

ביי'ם רב.

מיין ערשטער וויזיט — צו דער קרוין פון דער שטאדט,
צו דעם מרא דאתרא. ביי'ם רבי'ן
איז רוהיג און שטיל; גאט בעגיסט מיט גענאד
בעשיינט און בעזעליגט זיין לעבען.
על התורה ועל העבודה פערבראכט
אין שטעדטיל האט ער א יאהר דרייסיג —
גערוהט ביי־טאג און געלערענט ביי־נאכט,
די ספרים געבלעטערט זעהר פלייסיג.
איצט האט ער מיט אנדערע זאכען צו טהון
ניט ווילענדיג: ראשית, תנאי־גטים
פאר זאפאסנע... הכנסה? עס הויבט זיך ניט אן;
אודאי, ער נעהמט און מ'גיט איהם,
נאר, מ'שטיינס געזאגט, וואס איז צו נעהמען ביי זיי?

א דרייער איז אויך א מטבע;
פרוב זאג איהם: „גיב נאך“, ווערט א קלאג, א געשריי
און יעדערער זאגט נאך א דעה!...
חוץ נטים איז שמוינעווקע סאמע דער ארט.
פון וואנען שוין עטליכע יאהרען
מען קלויבט זיך ארויס און מ'פאהרט און מ'פאהרט —
וואוהין? מאכט ניט אויס, אבי פאהרען:
אין קובא, אין האצעקלאץ, גשן, פאמיר,
ארגענטינא, קאנאדא, אוגאנדא,
און רעדט נאר א ווארט ארויס—שטעהט ביי דער טהיר
אגענטען שוין גרייטע א באנדע.
מ'וועט אייך פערנעהמען מיט אלץ וואס איהר האט
און הײדא! מ'פאהרט, א נחמה!
און קומען צוריק זאל שוין העלפען אייך גאט
און ראטעווען אייך די נשמה...
דער רב, זאל געזונד זיין, פערשטעהט ווי עס נאגט
די יודישע קראנקע נשמות.
זאגט מוסר דעם עולם, זיפצט נעביך און קלאגט
און שרייבט די אגענטען הסכמות!...
ער מוסר'ט דעם עולם, אזוי ווי עס פאסט,
און בוינט פאר די גבירים דעם רוקען;

ער לערענט און פסקנ'ט און דאוועגט און פאסט
און איז מחרים דעם „חדר מתוקן"...

ביי'ם ראבינער.

ביי'ם ראבינער האב איך
דעם וויזיט גוט און גיך
אבגעפטר'ט: „וואס מאכט איהר, הערר דאקטאר?"
— „וואס איך מאך, פרעגט איהר? עט,
דא א ברית, דארט א גט,
ווסיא נא סוויעטיע קאק וואדיטסא*) —, זאגט ער —,
פון מעת-לעת צו מעת-לעת
דא פערשרייבען א מת,
דארט א חופה, — עס געהט ווי א מזמור;
כ'נעהם פא טאקסע פאר אלץ,
עס מיר האניג און שמאלץ
און עס לעבט זיך ווי אין פאראדיז מיר.
אין שוהל יעדעס יאהר
האלט איך רעדעס א פאר

*) אלעס ווי ס'פיהרט זיך אויף דער וועלט.

(קלוגע רעדעס, מיט דרש און מיט חקר),
דריי מאל יעדע וואך
שפיעל איך ווינט און דערנאך
חאפּ אנ'אקעלע איך ביי'ם אפּטייקער.
איינס נאר האט מיר געפעהלט:
איצט איז, ווייסט איהר, א וועלט
א דולע, — ציקאווע צו זעהען, —
יעדעס יונגעל, א שנעק,
ליארימט, שרייט אהן אנ'עק:
„מען מוז לשון־קודש פערשטעהען!"
מילא וואס זאל איך טהאן:
טאנץ איך אויך אינ'ם קאהן
און, כדי דאס געפּילדער ניט הערען,
נעהם איך שטונדען כמעט
יעדען טאג; כ'בין שוין מאט,
טשארט וואזמי,*) נאר איך לערען און לערען...
. . . .
א האלב יאהר שוין, — איהר הערט?
ס'איז דאך פּארט עפּיס ווערטה;

*) נעהמט'ס דער טייוועל.

און וואס מיינט איהר? ס'איז גאר ניט קיין חדוש,
אז נאך א יאהר דריי
וועט קאנען שוין פריי
ער אויסלעגען „יורקע“ אויף יודיש!...

א קאנצערט.

איך האב בעקומען א בילעט
פון ה'גען דאמען קאמיטעט
אויף א קאנצערט אין זאל „סאבראניע“:
מאדאם פראסקאוויא לאקשענבערעט,
מאדאם פאן־סקאצעלקומט מאלאניע
עמאנואלאוונא, מאדאם
געטרודע לוואוונא טאראראם,
אוודאטיא טשוואק, אגנעט הארמידער
און פריילין עמא קידער־ווידער
מיט פריילין קאטיא קאדעשמאלץ;
זיי אלע האבען דריי חדשים
געברענט, געפלאמט, כמנהג נשים,
געוועזן פערארבעט ביזן האלז,
געדרוקט אפישעס און פראגראמען

און א בופעט דארט צוגעגרייט
מכל המינים, פיין און ברייט.
און לעבען זאלען טאקע דאמען!
עס איז געווען אזא קאנצערט,
וואס יודען האבען מקדמונים
נאך ניט געזעהען, ניט געהערט
פון א מין אויסנאהם פון אזוינעם:
דער זאל האט וואונדערליך געגלאנצט,
בעפוצט מיט פלאגען, צווייגען, בלומען;
דער עולם האט זיך היים גענומען –
מען האט געשפּיעלט, מען האט געטאנצט,
מען האט געהוליעט... און געבליבען
הכנסה איז א רובל זיבען!!!...
אויף מעות חטים? – זעהר פיין;
אויף מצות ניט, נאר על כל פנים
גענוג אויף יחץ וועט עס זיין
פאר אלע שמוינעווקער קבצנים...

א מיטינג.

געזעסען זענען ארום טיש

דער אינזשעניער אנופריי קנאבעל,
צוויי אדוואקאטען לאקש און קניש,
דער היענער דאקטאר קרומעשנאבעל
סטיעפאן פעטראוויטש מיט'ן הערר
מאוריקיי פימסענהאלץ, זיין שוועהר
וואס האלט ארענדעס, נעהמט פאדריאדען,
בעזיצט אין שטאדט צוויי צוקער־סקלאדען
און שיקט נדבות טיעף דיק און פעט
אין דעם טיורעמנעם קאמיטעט..
חוץ זיי געוועזען זענען דארטען
אינטעליגענטען כל הסארטען,
מיט וועלכע שמוינעווקע שטאלצירט
אין קלוב ביי אלע גרינע טישען...
צונויפגערופען און געפיהרט
דעם מיטינג האבען לאקש און קנישען;
גערעדט האט קנאבעל:

„— גאספאדא?
אין שטאדט ביי אונז איז איצט הו־האַ —
מען באקט פראגראמען און פלאטפארמעס
מכּח גרינדליכע רעפארמעס.
אזוי ווי מצות אין פאדריאד,

און ווער? יונגאטשעס, ציוניסטען,
וואס וואקסען איצט אויף אלע מיסטען!...
בכן, עס זאל אויף אונז קיין חשד
ניט פאלען, דארפען באלד דערלאנגען
מיר א פעטיציע, א כתב,
פון אונזער קלאס, אז מיר פערלאנגען
און בעטען „אוראווניעניע פראוו“*)
פאר זיך אליין נאר, ביחידות
פון דעם קהל — פארשיווע זשידעס,**)
און ס'זאל ניט שטעהען אפילו דארט,
ניט זיין קיין זכר פונ'ם ווארט
„יעוריי“ אין אונזערע זאקאנעס:
מיר זענען רוסען! רוסען, נאר
פון תורת־משה. דאס איז גאר,
וואס מיר פערלאנגען. בנאמנות,
נעהמט מיך: אנ'אמת'ער ווארינאג
א רוסאפיאט, נאר פון תרי"ג,
אנ'עכטער פאניע — מדאורייתא!"...

---

*) די פערגלייכונג פון די רעכטע.

**) שמוציגע יודלעך.

הערד קנאבעל רעדט א שעה און צוויי,
ער קאכט, ער פלאמט... נא רהערט א מעשה:
אין מיטען דרינען — איך דערזעה —
ער ווערט פערציטערט ווי פון פיעבער.
בלייך ווי די וואנד... ער שפרינגט אריבער
דעם טיש... ער פליהט פון זאל אין קיך.
בעהאלט זיך אויפ'ן אייווען גיך...
נאר וואס־זשע איז דאס מיט'ן גבור,
מיט דעם וואריאג, דעם רוסאפיאט,
דעם עכטען „רוסקיי פאטריאט"?
איהם האט זיך פארגעשטעלט... ווער? המן?
עמלק? אסור, — גלאט אזוי
א קאזאק, ליעבע פריינד! אוי־אוי,
א קאזאק פון זיין ליעבען נאמען...

. . . .

נאר ווי בעקאנטע האבען מיר
דערצעהלט, איז פארט שוין די פעטיציע
דערלאנגט — אויף הערבאווע פאפיר
און מיט א הכשר פון פאליציע...

כּבוֹד.

ניטא פאר דעם טויט קיין צו־טייערער קרבן.
דער שמוינעווקער עוֹשר איז נעכטען געשטארבען,
דער גביר, וואס מיט איהם האט געליארימט א וועלט;
געהאט וואס א מויל קאן נאר אויסריידען: געלד
און כּבוד; געלעבט אין א פּאלאץ — קוממיות,
געפאהרען אין קארעטעס — פּשוט א חיוֹת,
געוועזען, ווי ס'הייסט, א בּן־יחיד בּיי גאט...
און היינט איז געוועזען די לויה אין שטאדט.
אי־אי, א לויה! מען רעדט ניט פון יודען —,
א דריטעל ניטא אויף די גרעסטע יריד'ען;
בּעגלייטען דעם גביר אויפ'ן הייליגען ארט
און אנטהאן א זעלטענעם כּבוד איהם דארט
איז — הערט איהר? — בּכבודו ובעצמו געקומען
האדון איספּראווניק, האט פריינדליך גענומען
און לאנג נאך דער מִטָה פאר־רוטשקו געפיהרט
די „וויסטע“ אלמנה אין טרויערנעם שלייער,
גענעבען, צו מונטערען, שמעקען איהר ספּירט,
אין פּנים געלאנטנע געפאכט מיט'ן ווייער...
דאס הארץ האט געפרעהט זיך צו קוקען אויף דעם

און היגער איספּראַווניק האָט לאַנג שוין אַ שם,
גאָר פּשוט געוועדט פון אַ רשע־מרושע...)
דער עולם אין שטאָדט האָט געשאַצט די ירושה
און נחת געקליבען, דערהערענדיג ווי
צוויי שמוינעוועקער פּריצים, און דוקא פון די,
וואָס האָבען ליעב יודען ניט איבּריג אפילו,
דערצעהלען: „געוועזען אַ פינאַנסאָווער עילוי,
פון קינדווייז אָריין מיט די פיס, מיט די הענד
אין חכמת הבערזע, אין הלכת פּראָצענט,
געפיהרט פאַר דער נאָז כמה פּריצים און גדולים
און טייבעלעך זענען געפלויגען אין מויל איהם
געבראַטענע, פעטע, אַ טוץ יעדע וואָך;
מיט דעם פּרעדוואָדיטעל מחותן געוואָרען
און ביי׳ם גובערנאַטאָר געוועזען כל־לוך,
גענעראַלען אויף כבוד צו איהם פלעגען פאָהרען;
מעדאַליען מיט ליענטעס געהאַט אָהן אַ ע׳עק
פון אשכנז, פון ספרד, פונ׳ם טערק, פונ׳ם גרעק,
פון הודו, פון כוש, פונ׳ם פּערס, פונ׳ם טאַטער...
אַ כבוד, אַ גדולה, — דו, גאַטעניו־פאָטער!״...

. . . .

אך, מיין פאָלק! מיין נאַריש, אַלטעס

פאלק! פערבארג דיין שמערץ, בעהאלט עס
טיעף אין הארצען!... אויב ניט געלד,
וויפיעל כבוד, קבצן ליעבער,
בירושה לאזען איבער
דיר די גבירים אויף דער וועלט!...

צוריק.

איך פאהר צוריק, פערטראכט און שטום...
עס הויבט זיך אויף א ווינד א קאלטער,
יאגט וואלקענס שטויב און זאמד ארום...
עס רוישט און ברומט דער וואלד דער אלטער...
עס רוישט און ברומט דער שטורמווינד...
די חמארע וואקסט פון אלע זייטען...
עס וואיען וועלף, עס בילען הינד...
עס בליצט און דונערט פון דערווייטען...
חזרים בושעווען אין דארף...
דער וויכער דרעהט זיך גיכער, העכער,
דא טהוט א פארקען ער א ווארף,
דארט ברעכט ער ווענד, דא רייסט ער דעכער...

די נאכט איז קאלט, די נאכט איז שווארץ —
זי זידט מיט שנאה, האס, נקמה...
אהיים, אהיים, מיין קראנקעס הארץ!...
אהיים, מיין עלענדע נשמה!...

נאכט ליעדער.

I.

א.

דאקטוירים זאגען — איך בין קראנק,
א ווילדע קרענק האט מיר געטראפפען:
א וועלט מיט יודען ליעגט און שלאפט —
און איך נאר איינער קען ניט שלאפען...

דאקטוירים זאגען — איך בין קראנק,
און שרעקליך זענען מיינע שמערצען:
א וועלט מיט יודען זיצט און שווייגט —
איך איינער רייס זיך אויפ'ן הערצען.

שריי „חי וקים!", זיפץ און וויין
און זינג נאר טרויעריגע ליעדער...
אהה, לאזט מיר וויינען אהן א ברעג!
אך, לאזט מיך זיפצען, מיינע ברידער!

אידר ווייסט אויף וואס איך וויין? הערט אוים:
איך האב א ביכעלע געלעזען;
דארט איז בעשריבען, אז אמאל
איז אויף דער וועלט א פאלק געוועזען. —

א גרויסעם פאלק, א שטארקעם פאלק,
האט פיעל געהאט אי שטעדט, אי פעלדער
פיעל דערפער, גערטנער, שעפסען, פיה,
פיעל טיעפע טייכען, גרינע וועלדער;

פיעל העלדען האט געהאלטען לאנג
דאס פאלק אין פחד און אין מורא:
פיעל פעלקער האבען ביי דעם פאלק
געלערענט וויסענשאפט און תורה.

און איצט...
יא, אמת! — איך בין קראנק —
א ווילדע קרענק האט מיך געטראפען:
א וועלט מיט יודען ליעגט און שלאפט —
און איך נאר איינער קען ניט שלאפען!...

ב.

דער עולם שלאפט! — דער גענעצט נאך
און יענער חראפעט שוין בשלום...
ווער קלאפט צו מיר? — א, דאס איז ער,
מיין אלטער חבר — דער בעל־חלום.

איך בין מיט איהם שוין לאנג בעקאנט
און קען פון איהם ניט פּטור ווערען...
ער קומט צו מיר, ער נעהמט מיך מיט,
צינדט אן זיין קליינינקען לאנטערען —

„— קום, ברודער! — זאגט ער — קום מיט מיר;
דער זייגער האט ערשט צוועלף געשלאגען —
עס איז נאך לאנג, עס איז נאך ווייט,
ביז עס וועט אנהויבען צו טאגען...

קום, ברודער, קום, פאר דיר איז דאך
ניטא קיין שלאף, ניטא קיין פריעדען
טא האב חאטש נחת קוקענדיג,
ווי זיס און רוהיג שלאפען יודען;

קום, ברודער, קום־זשע!...“
— און איך געה.
ווי פינסטער איז פון אלע זייטען!
עס בילען נאר די יאטקע־הינד
און זשאבעס קוואקען פון דער ווייטען...

קיין מענשען־שטימע הער איך ניט,
קיין איינציג ליכט זעה איך ניט ברענען...
נו, שטעל זיך אב — אט זענען זיי —
בעקאנטע בילדער, אלטע סצענען:

ג.

אט שלאפט א יוד — א פיינער יוד,
ר׳ אברהם־שלום קאנטעמירער;
ער איז א גרויסער בעל־הבית
און איז דער גרעסטער שטעדטיל־פיהרער.

מען זאגט: „דער קראם (א מין פיש)
האט האלט אין שמאנד געפרעגעלט ווערען“.
— אט ווי דאס פישעלע — אין שמאנד,
האט האלט דער „כבוד“ זעהר גערען

צו קאכען זיך, צו פרעגלען זיך
ביי אברהם־שלום׳ען אין הערצען....
אך, וויפיעל טרחה טראגט אויף זיך
און וויפיעל האט ער, נעביך, שמערצען?

ער מוז דאך זיין -- פערשטעהט איהר מיך?
ר׳ אברהם־שלום קאנטעמירער,
צו וויל, צו ניין, עס העלפט דאך ניט —
ער מוז דאך זיין דער שטעדטיל־פיהרער;

ער מוז דער גבאי זיין אין שוהל:
ער מוז זיך, נעביך, נעהמען ששי;
ער מוז דאך סטארען זיך צו זיין
א גבאי אויך אין חברה־קדישא.

און גאר ניט ווילענדיג האט ער
געמוזט דאך פאר הושענא־רבה
געהן מיט א... יענעס... ווי רופט מען עס?...
אויף צלאל־בער, דעם אלטען גבאי...

היינט וויפיעל האט איהם אבגעקאסט —
עס איז דאך גאר ניט צו בעשרייבען —
עס זאל ביי זיי נאך אויף דריי יאהר
די טאקסע פאר זיין שוואגער בלייבען...

אך, זעהט ווי, נעביך, מאט איז ער!
ער שלאפט און זעהט א זיסען חלום —
ער זעהט... אך, וועקט ניט, וועקט איהם ניט, —
א גוטע נאכט, ר' אברם־שלום!...

ד.

אט שלאפט א דאמע... שטעהט, ווארט אוים:
איהר קענט דעם סוחר אלי־חנה,
וואס פיהרט פארקויפען ווינד מיט רויך
און האלט א קרעטשמע אויף דער לבנה?...

איהר קענט איהם טרעפען יעדען טאג
פון צעהן ביז צוויי, ביז דריי דעם זייגער
אין דער אופּראווע... אט דאס איז
זיין טאכטער... איהר פערשטעהט — א שטייגער

דעם סטאנאוואי'ס מאדאם אליין,
די ערשטע דאמע אין דעם שטעדטעל
איז גוט מיט איהר: אט דא ניט לאנג
האט זי איהר צוגעשיקט א צעטעל

און איינגעלאדען זי צום באל
צו'ם מאסקאראד אין דער „סאבראניע"
איהר הערט? פארשטעהט איהר וואס בעטייט,
וואס הייסט אזוי א מין קאמפּאניע?...

הא? וואס? איהר זאגט: ס'איז ניט כדאי
זיך נאך אזוינע קענטשאפט יאגען?
„ס'איז דא וואס בעסערס" — זאגט איהר — נו?
גוט, נו? וואס נאך האט איהר צו זאגען?

„— די קינדער יאגען זיך ארום —
א ביסען וואר ניט איז צו חאפּען;
דער טאטע לויפט פון גאס צו גאס —
א גמילת־חסד צו דערטאפּען;

„די מאמע האט דאס לעצטע קלייד
אוועקגעטראגען אין משכנות...״
— נו, מילא וואס? נו, וואס־זשע איז?
עט, לאזט צו רוה — ס׳איז אהן סכנות...

שלאפט, שלאפט, מאמזעל! א גוטע נאכט!.
דאס וואס האט אייך געזאלט זיין, חלעבען,
וועט אויסגעהן צו דעם טאטע׳נס קאפ
און צו דער מאמע׳ס לייב און לעבען...

ה.

אט איז א פאלאץ... אך, ווי שעהן,
ווי פרעכטיג: ביין און סאמעד
זייד, לעדער, בראנזע, צעדער־האלץ...
דא וואהנט א יודישער מלמד.

איהר לאכט, רבותי?... ניין,ווארט אויס —
ס׳איז גאר ניטא דא וואס צו לאכען;
אט ווארט נאר אויס — איך וועל אייך באלד
דעם חשבון גאנץ פאדראבנע מאכען:

פון סאמעד איז די יארמעלקע —
זי גלענצט און שיינט פון ווייטענס;
די טייטעל איז געמאכט פון ביין;
דער גארטעל איז פון זיידענס;

פון בראנזע איז דער הענגלייכטער;
דער קאנטשיק איז פון לעדער;
דאס בענקעלע — דאס בענקעלע
איז אויסגעשניצט פון צעדער...

א וואזשנע בעל־הבתי׳שקייט! —,
עס, טרינק און שלאף און לעב אין פריעדען
ווער בגייט און לאנג, קלויב נחת, קלויב...
אך, לעבען זאלען טאקע יודען! —

א לעהרער ביי אנ׳אנדער פאלק —
חאטש זאל ער ווערען אויסגעצויגען —
וועט דאך א הונדערט־טהייל פון דעם
ניט זעהען אין די אויגען...

וואס זעהט מען דארט ביי איהם אין שטוב?
א פוסטקע! וואס איז דארט צו זעהען!
פארטרעטליך הענגען אויף די וועגט
און לאנגע בענק מיט טישען שטעהען;

מען הערט קיין קיל ניט פון א קינד,
מען הערט קיין קול ניט פון דער ווייטען...
און דא, ביי אונז? — עס זינגט, עס קלינגט,
עס קאכט און זידט פון אלע זייטען:

די היהנער שמועסען וועגען הירזש;
דער האהן שטודירט חזנות;
דער גאנער דרשנ'ט אויפ'ן קול,
דער קאטשער העלפט איהם מיט כונות;

דער רביצינ'ס מוזיניקעל
פרובט איבערשרייעןביידען...
דאס קעלביל טהוט זיך איהר'ס... עס שמעקט
מיט ריחות פון גן־עדן!...

און טאקע דא טהוט געהן א קול
א ווידער־קול פערהאפט דעם אטהעם
— „נו! נו! מיט חשק! לעבעדיג! —
„ואלה המשפטים!"...

די נאכט איז שטיל. דאס פינסטערניש
מיט יעדער רגע ווערט אלץ גרעסער...
איהר זעהט דעם פאלאץ, דעם דווארע'ן -
דא שלאפט א יודישער פראפעסאר

עֶר שְׁלאָפְט, צוּקאָפְּעֶנס לִיעֶגט בַּיי אִיהם
א בִּינדעל גוּטע, ווייכע צרות...
עֶר זעהט אִין שְׁלאָף — אִיהם חלום'ט זִיךְ —
עֶר שְׁטעהט אוּן שְׁלאָגט כַּפּרות:

עֶר נעהמט דעם האָהן — „אַ נוּ, זאָגט עֶר —
אַט זאָג נאָר מִיר, כל־בּו'ניק,
וואָס פאַר אַ סדרה גֶעהט אִיצְט? האָ?
דוּ שְׁווייגסט, ימח־שמו'ניק!

„דוּ שְׁווייגסט? טאַ נאַ־זשע דִיר... אַט, נאָ!
טאַ ווער־זשע דִי כַּפּרה!"...
דער רבּי שְׁלאָפְט, אוּן שְׁלאָפְט נִיט פְרָאסְט —
עֶר לִיעֶגט זִיךְ ווי אַ שְׂררה...

פוּן בֵּיידע זייטען שְׁטעהען וואַךְ
גבריאל אוּן מיכאל,
פוּן פאָרענט אִיז אוּריאל דאָ,
פוּן הִינטען שְׁטעהט רפאל...

אַ גוּטע נאַכט אייךְ, רבּינוּ! —
זאָל גאָט מִיךְ פאַר דִי רייד נִיט שְׁטְרָאפען —
אַ וועלט מִיט יוּדען שְׁלאָפְט נאָךְ... אייךְ
האָט גאָט אַליין געהייסען שְׁלאָפען...

ז.

א וועלט מיט יודען ליעגט און שלאפט.
דער זייגער האט ערשט צוועלף געשלאגען.
עס איז נאך לאנג, עס איז נאך ווייט
ביז עס וועט אנהויבען צו טאגען.

איך געה און געה... די נאכט איז שטיל
און פינסטער איז פון אלע זייטען...
עס בילען נאר די יאטקע־הינד
און הענער קרעהען פון דער ווייטען...

א גאנצער חיל שלאפט אין קלויז —
די ארעם־בחורים, פרושים;
עס הודזשעט דארט א חראפעריי
מיט אלע ל״ב פירושים...

דער שטאדט־באק בלאנזשעט אויפ'ן מארק
נדבות קלויבענדיג אויף שבת...
אין מקוה טאנצען אויף די טרעפ
א כשר־טאנץ א מנין זשאבעס...

קיין מענשען־שטימע הער איך ניט;
קיין איינציג ליכט זעה איך ניט ברענען;
דער וועג איז אבער מיר בעקאנט —
בעקאנטע בילדער, אלטע סצענען!...

די נאכט איז פינסטער, שטיל און קאלט
דער זייגער האט ערשט צוועלף געשלאגען...
אך, וויפיעל דארף מען ווארטען נאך
ביז עס וועט אנהויבען צו טאגען?!...

II.

עפילאג.

איך האב דאס פעקעל צוגעמאכט —
איך האב געענדיגט מיינע ליעדער.
נו, זאגט־זשע מיר — איך בעט אייך — זאגט...
פאר וואס־זשע שווייגט איהר, ברידער?

איך ווארט ניט לאנג — עס הויבט זיך אויף
א יוד פון מזרח־וואנד, אנ׳אלטער.
א הויכער, שעהנער, גרויער יוד.
איך זעה: אין האנד מיין ביכעל האלט ער.

און מיט דעם פינגער ווייזענדיג
אויף מיינע ליעדער, פרעגט דער זקן:
„— אט דאס איז אייערס?... זעהער גוט...
מעהר האט איהר גאר ניט וואס צו זאגען?“

(ער נעהמט ארויס די פּושקע) „— הא?"
(ער טהוט א שמעק) „איז הייסט עס..." (שמש,
מאכט צו די טהיר!") „האט איהר דאס אלץ
געשריבען ערנסט, טאקע ממש?...

„און דאס איז גאר? און דאס איז אלץ
וואס יודען האבען? איהר זענט ערב?
האט גוט געקוקט מסתמא?... נו,
און איהר... און איהר אליין, רב־קרוב?

„איהר האט דאך עפּעס אויך א צעך
מיט הויכבעריהמטע בעלי־מלאכות,
טא וויזט־זשע, אקארשט, ווייזט ארויס,
וואו זיינען אייערע הצלחות?

אז אלע שלאפען, מוז דאך ווער
אויך אויף דער וואך ביי יודען שטעהען;
נו האט איהר אפשר פּארט ביי אונז
אנ׳אויפגעשטאנענעם געזעהען?"

רבותים! — ענטפער איך — עס וואלט
שוין זיין געזונד: אלץ ביז א ברעקעל
האב איך פאר אייך ארויסגעלעגט
וואס איז ביי מיר געווען אין פעקעל...

נאר ווארט... כדי צו יוצא זיין,
איהר זאלט פון מיר צופריעדען בלייבען,
וועל איך ניט זשאלעווען קיין טינט
און וועל אייך נאך א ליעדעל שרייבען:

מיין באבעניו פלעגט זאגען אפט
(געוועזען א גרויסע צנועה):
„ניט שרעקליך איז א קראנקהייט, ווען
ס'איז דא דערצו א רפואה".

ניט שרעקליך איז די נאכט — זאג איך —
ס'וועט אנהויבען צו טאגען,
די שטראהלען וועלען פון דער וועלט
די פינסטערניש פערזאגען...

איצט איז נאך נאכט... עס טאגט נאך ניט...
נאר... שאט! מיר דאכט—איך הער פון ווייטען
עס ריהרט זיך עפעס דארט אין גאס...
וואס זאל די זאך בעדייטען?...

ווער איילט זיך דאס צו אויפשטעהען,
פאר אלע שלאפענדע צו זארגען?...
קומט, ברידער, זעהען ווער איז ער
און זאגען איהם: „גוט מארגען!"

איהר זעהט? — אט הויבט זיך אויף פון שלאף
א מענשעלע א קליינער;
ווי דאר און קוואר איז ער, ווי בלייך!
אין גאנצען הויט און ביינער.

א שענערען, א פרישערען
פון איהם איז מען מקבר...
און ווייסט איהר ווער איז דער פארשון?
דאס איז א יודישער מחבר.

ער הויבט זיך אויף, ער קרעכצעט און הוסט,
ער טאפט און זוכט... נאר גאט צו דאנקען —
אלץ וואס איהם פעהלט געפינט ער באלד —
מען דארף גאר בעסערס ניט פערלאנגען.

דאס ליכטעל האבען ביי דער נאכט
די מייז צוגריזעט און צובראכען;
פון גרויסע ווארעמקייט אין שטוב —
די שוועבעלעך פערנעצט, צוקראכען...

ער מוז נאך טאפען ארום זיך,
ער מוז נאך אין דער פינסטער קריכען...
ער איז נאך צו דער „רויטער קו״*)
און צו דעם באד־קעסעל געגליכען:

*) פרה אדומה.

ער מוז פערברענט ווערען אויף אש
אונ זידען מוז אין כעס און אין שמערץ ער —
מטהר זיין די טָמְאֵי קעפּ
און כַּשֶׁר'ן די חָמֵצְ'דיגע הערצער...

עס זאל אין טינטער ביז א סוף
ניט אויסגעטריקענט ווערען,
מישט ער דאס ביסעל שווארצע טינט
מיט ביטערע און הייסע טרערהרען...

אך, ס'איז אפנים נאך צו פריה
ביי יודען פאר א ליטעראטאר —
ער חאפט נאך, נעביך, זעהר אפט
אי צאהנוועהטאג, אי קאטער...

דער שטאדט־באק לעבט שוין אב זיין וועלט
נאר קהל איז דאך א בעל־צדקה —
נעהמט דעם מחבר אויף זיין ארט
און גיט איהם איבער די חזקה...

אך, זאגט מיר, מענשען, וואס בעדייט,
וואס האט געוואלט דער בּורא זאגען
מיט דעם בעשעפעניש?... מיין קאפ
קאן דאס גאר פּשוּט ניט פערטראגען:

ער שרייבט דאך, דאכט זיך, מיט א פען,
עס רעדט מיט יודען פשוט יודיש.
און יודען קוקען פארט אויף איהם
נאך אלץ ווי אויף א ווילדען חידוש.

מען טאפּט די נאז ביי איהם, די צונג,
מען טרייבט קאטאוועסליך צום לאכען:
„— דו הערסט?... ער דבר'ט... חהע! דו הערסט?"
„— ע... בקיצור, חמע!... ס'איז פוסטע זאכען!"

מיין ברודער! שלעכט איז דיר, איך וויים;
נאר געה און טראג דעם יאך דעם שווערען,
שטעה שטאלץ און קרעפטיג אויף דיין ארט:
עס מוז, עס וועט דאך ליכטיג ווערען!

ניט שרעקליך איז די פינסטערניש —
ס'וועט אנהויבען צו טאגען
די שטראהלען וועלען פון דער וועלט
די שווארצע נאכט פעריאגען.

עס וועלען אויפוואכען פון שלאף
גאר נייע לייט מיט נייע מוחות;
זיי וועלען ברייגנען אויף דער וועלט
פיעל נייע, פרישע, שטארקע כוחות;

פיעל העלע שטראהלען, גרויסע ליכט
וועט דאמאלס ווערען אנגעצונדען;
דער שלאפער וועט בעקומען קראפט
און ליכטיג ווערען וועט דעם בלינדען.

דאס מוז זיין, ברודער!... אבער איצט,
דערווייל — איז גאט צו דאנקען, חלעבען,
פאר יעדען שטראהל, פאר יעדען פונק,
וואס צינדט זיך אן אין אונזער לעבען!...

אלטע מעשׂות אויף נייע־יאהר.

1.

דער נייער מלמד.

דאס, וואס איך דערצעהל אייך,
האט פּאסירט אין אונזער
שטעדטיל א יאהר דרייסיג,
אויב ניט מעהר, צוריק.
ערגעץ פון דער ליטא
איז צו אונז געקומען
קנעלען א מלמד.
אויפ׳ן ערשטען בליק
א געוועהנליך יודעל:
אויסגעהונגערט נעבּיך,
גאלע הויט און בּיינער,
דאר און קוואר און הויך,
מיט א שיטער בּערדיל,
איינגעקנייטשטע בּאקען,

דינע, בלייכע ליפּען,
עטוואָס שעפּעליאָווע
אוּן האַרבאַטע אויך.
נאָר די אויגען זיינע —
אי, די אויגען! עפּעס
האָט געבליצט, געפונקעלט
אוּן געשיינט אין זיי —
אוּמעט אוּן רחמנות,
ליעבשאַפט, טרויער, מיטלייד
אוּן דערביי אַ טיעפע
האָפנונג... אַך, ווי צוויי
וואונדער־שטערען, העלע
גרויסע, ריינע שטערען
פלעגען לייכטען זיינע
אויגען, ווען ער פלעגט
זאָגען שטיל אוּן רוהיג:
„— גיט מיר אייער יונגעל,
בעל־הבית, איין זמן נאָר
פּרובט, איך בעט אייך". — פרעגט
איהם דעם יונגעל׳ס טאַטע
„—נו, אוּן וואָס איז, זאָגט מיר,

אייער אויסנאהם עפּעס?
צי זייט איהר אליין
ניט אזוי ווי אלע
אנדערע מלמדים,
צי א נייעם נוסח
האט איהר אינ'ם לערנען?
אדרבה...״ — „ניין,
לערנען, זאגט ער, לערען
איך אזוי ווי אלע״.
„— וואס־זשע דען?״ — „איך שמיים ניט״.
„— וו'הייסט איהר שמייסט ניט?״ — „גאר
פּשוט: ניט קיין קאנטשוק,
ניט קיין ביינקעל — גאר ניט,
כ'דיהר ניט אן דעם תלמיד
ממש אויף א האר״.
„— מיט דער טייטעל?״ — „אויך ניט״.
„— גלאט א קלאפּ?״ — חלילה״,
„— נו, און אז א יונגעל
איז א שייגעץ?״ — ניין,
בעל־הבית. דעם מענשענ'ס
הארץ איז שלעכט פון יוגענד:

דארפֿען מיר עס מאכען
וויך און גוט און ריין,
אבער ניט מיט שמייסען —
שמייסען העלפֿט צו גאר ניט,
ווארום...״ — און דאס יודעל
רעדט און רעדט... ווי צוויי
שטערען לייכטען, שיינען
זיינע אויגען, ליעבשאפט
טרויער, מיטלייד גליהען,
שפּיעגלען זיך אין זיי...

.II

חברה הוליעט.

חאדאראם געגאנגען
איז דאס גאנצע שטעדטיל,
ס'האט געטהון זיך דרעהען,
קייקלען ווי א ראד;

אומעטום – אין שוהל־הויף
און אין קלויז, אין אלע
קראמען און אכסניות,
אויפ׳ן מארק, אין באד,
האט גערוישט, געטומעלט.
צווישען די מלמדים
איז געווארען ממש
א יריד – א שרעק.
אויף א זייט די היטעל
און צולאזט די פאלעס
יאגען, לויפען, פליהען
זיי פון עק ביז עק.
„– סטייטש... איהר הערט?... א חוצפה!
לערנען און ניט שמייסען!!
דאס איז דאך א מעשה
שלא היה... גוואלד,
בעלי־בתים, יודען,
ראטעוועט די קינדער!...
אוי, דאס לעצטע ביסעל
יודישקייט פערפאלט!"...
די מלמדים לויפען,

די מלמדים שרייען,
קלאגען, רייסען קריעה,
ברעכענדיג די הענד;
און ביי אונז, ביי חברה,
איז א פרייד, א יום־טוב,
פורים, שמחת תורה,
ס'קאכט און זידט און ברענט...
„— זינגט און טאנצט און הוליעט,
קינדער! א מפלה
אויפ'ן קאנטשוק! מכות
זאל דער טייטעל זיין!
שלעפט ארויס דאס אלטע
ביינקעלע פון חדר.
האקט עס, ברעכט אויף שפענדליך,
גראבט אין דר'ערד אריין!"...
פריהלינגס־צייט, נאך פסח;
יונגע צווייגען בליהען
יונגע גראזען קריכען
פון דער ערד ארויס,
און די ערד, די גוטע,
ליעבע אלטע מאמע

וואַרימט זיי און פעסטיעט
אויף אידער טרייען שוים...
חברה הוליעט. חברה
גערהט א גאנצע מחנה
פרישע לופט געניסען
אויפ'ן פרייען פעלד,
וואו די פרייע ווינדען
פלאַטערען און שוועבען
זינגענדיג, ווי גליקליך
איז דעם בורא'ס וועלט, –
אין דעם גרינעם וועלדיל,
וואו די יונגע בוימלעך
קוויקען זיך דערוואַרימט
פון דער ליעבער שיין,
און די פייכטע בלעטלעך,
דוכט זיך, זינגען שירה...
וואַרים, פריי און ליכטיג...
און א פרייד א טיעפע
פליסט אין הארץ אריין...

III.

סטיאפּקא.

חברה הוליעט. זיסע
פריהלינגס־ליעדער קלינגען...
אט איז שוין דאס וועלדיל...
שטעה נאר... ווער איז דארט?
סטיאפּקא מיט א גאנצען
ערב־רב פון חלאפּצעס
און מיט זיינע ביידע
כלבים — צוויי בארבאסקעס
דארע ווי א חארט,
הייזעריגע, קרומע
און קאלטונאוואטע,
איינגעטונקט אין שפּענדליך,
שטרוי און מיסט און קויט,
אבער בייז — א פּחד;
אויגען — האלאוועשקעס
און די צייהן ווי נאדלען
יעדער בים — דער טויט...

סטיאפקע קוקט אויף אונזער
מחנה און פערוואונדערט
מאכט ער: „הליאנ־קא, חלאפצי,
שטשא וואנא טאקע?
יאק זשידקי־טא שומני
טא וועסעלי סטאלי;
פאסקוביטי טראחי
טרעבא־זש יך... עהע!
טיו, בארבאסקי, שווידשע,
טיו*)"!!!... — נו, ליעבע ברידער,
וואס זאל איך אייך זאגען?
המן, גוג־ומגוג,
פלשתים און עמלק —
אלעמען אינ׳איינעם
נעהמען זיי, איז גאר ניט.
אי, אי, אי, א חורבה,
אי, א ויסטער טאג!
וואס צורויסען היטלען,

*) קוקט נאר, בחורים, וואס איז דארטען אזוינס? ווי די אונ־רוהיגע יודליקעס זענען פרעהליך געווארען; א קראטץ טאהן אביסעל דארפ׳ן דאך זיי! חאפט, הינט, שנעלער חאפט!

לייבסערדאקעס, שטיוועל,
קאפטאנעס און תחתונים —
בין איך אייך שוין מוחל;
ניין, די קלעפ, די קלעפ!
די צוקראצטע באקען,
די צופלאצטע נעזער,
די צוהאקטע ליפען,
אויסגעלענקטע פלייצעס,
לעכערדיגע קעפ!...
היינט דערנאך די גוואלדען
און דער היים... הקצור,
איינגעשלונגען צרות,
אנגעזופט זיך וועהטאג
מיט'ן פולען מויל.
וויפיעל שמירעכטס, פראשקעס.
פלאסטערס כל המינים
און קאמפרעסען, הייסע,
ווארימע און קאלטע...
טרעהרען, בלוט — א גרויל!...

IV·

דריי טעמים.

אויסגעהיילט די מכּות,
געהט מיין פרעגען סטיאפּקען:
„— היתּכן, סטיאפּקע?
ווי געשיקט זיך דאס?
גלאט, אין מיטען דרינען
רייצטו־אַן די כּלבים,
שלאַגסט און פּייניגסט מענשען,
מאַכסט א תּל... פאר וואס?"
וואס־זשע ענטפערט סטיאפּקע?
„— ראשית דבר, — זאגט ער, —
דאי אפּאַחמעליטסא!
(הלעיטני הייסט עס)"...
ניט מען, — מילא וואס?
ערשטענס, איז, ווי זאגט ער
צער בעלי חיים,
צווייטענס, אז אין ברירה,
מוז מען סיי־ווי־סיי...

אויסגעטרונקען, גרעבצט ער
בעל־הבית׳יש, קראצט זיך,
שפייט און רייבט זיך די אויגען
און בזה הלשון
ענטפערט ער: האי, האי
אי דורני־זש ווי, חלאפּצי! *)
היתכן, פרעגט איהר?
סלוחאיטע: דריי טעמים
האב איך, און אינגאנצען
איז פון זיי געווענדט:
ערשטענס, בין איך סטיאפּקע,
און אז איך בין סטיאפּקע,
מוזען שוין בטבע
בייסען מיר די הענד,
און די לענדען ווערען
אנגעגירט צו דראקעם —
„איש יודע ציד״,
ווי אין פסוק שטעהט.
צווייטענס, על פּי יושר

*) אך, אך, זייט איהר דאָס נאַרריש, בחורים!

דארף מען מיך דערלאזען
עמיצען צו שלאגען —
קיהלען די געבלוטען —
מחמת, איהר פערשטעהט,
נעכטען האט דער באטיקא
מיך אליין געשמיסען.
נעכטען, ליעבע ברידער,
און דעם טעם פון זיינע
פייערדיגע שמיץ
פיהלען נאך ביז איצטער
אלע מיינע אברים,
פריש איז נאך אין הארצען
זייער שארפקייט, היץ...
דריטענס (און אט דאס איז
וויכטיגער פון ביידע
ערשטע טעמים אפשר).
האט איהר, ברידער, אלע
אזא וויסטען פנים...
וואו נאר טהון א טאפ —
אויסגעדארט, פערטריקענט,
הוילע הויט און ביינער,

אז עס ציהט, עס ווילט זיך
נעבען אייך א קלאפּ!...
בידני ווי, סערדעשני! *)
וואס־זשע בין איך שולדיג,
אז קיין מורא האבען
קאָן מען ניט פאר אייך,
און אז וויפיעל גרעסטע
מכות־רצח שלאג אייך,
ווערט אין אייך פערזונקען
ווי א שטיין אין טייך"...

V.

בלייבט א קשיא.

אומעטיג און פינסטער
איז אין אונזער שטעדטיל...
וואס־מיר פריהלינגס־ליעדער,
ווער־מיר פריהלינגס־שיין!
און אין הארצען עגבערט,

*) אומגליקליך זייט איהר, הארציגע!

בויערט אונז די קשיא:

סטייטש, ווי איז דאס מעגליך,

גוואלד, ווי קאן עס זיין?

נאך אמאל, בערעכענט:

ס'טאר ניט דער מלמד,

ס'טאר ניט דער בעהעלפער,

נו, און סטיאפקע מעג?!...

אומעטיג און פינסטער

איז ביי אונז אין שטעדטיל...

שריי צו'ם בורא־עולם

פרעג איהם קשיות פרעג!..

דער פרעהליכער גיהנום.

פאן קאזימיר וואשליאפסקי
האט אבגעגעסען פליאקעס,
פערטרונקען זיי מיט סטארקע
געטהון מיטביידע הענד

א חאפ זיך פאר'ן מאגען...
עס הוידען זיך, עס טאנצען
דער טיש, די לאמפ, די ביינקליך,
די סטעליע און די ווענד...

ס'ווערט פינסטער אין די אויגען,
ס'פערקלעמט די ברוסט... און – האדיע:
אויס קאזימיר וואשליאפסקי!
אויס פאן! אנ'עק, א סוף...

א טיעפע רוה פערוויקעלט
דאס טויטע הארץ; די אויגען
די ליכטיגע פערגליווערט
א שטילער, זיסער שלאף...

און, פריי פון אלע זארגען,
הייבט־אויף זיך אין דער לופטען
די זינדיגע נשמה, —
זי פליהט, זי שטרעבט... וואוהין?

קיין צדיק גמור, אמת,
איז ניט געווען וואשליאפסקי,
קיין רשע אבער אויך ניט:
געווען פון יענעם מין

אלט־פוילישע הוליאקעס,
פון וועלכע פאן סענקעוויטש
לעקט נאך ביז איצט די פינגער, —
געווען זיין לעבען־לאנג

א „נאכטאנצער" ביי פריצים:
ביי איינעם אויף א מאהל־צייט
געסארווערט; ביי דעם צווייטען
מיט ליארים, גלעקער־קלאנג,

מיט בייטשען און טראמייטען
געיאגט זיך אויפ'ן יאכט־פעלד
און נאכגעטאנצט די כלבים
וואלד־אוים, וואלד־איין, געדיענט

דעם יונגעטשקען פּאניטשעל
ניט זעלטען פאר א רייט־פערד,
און קלעפּ געחאפּט באהבה
וואס מאכט עס אוים — א קינד

געלעבט ניט רייך, ניט ארים,
הקיצור, אבגעקומען
דאס פּוסט און נאריש וועלטיל...
וואוהין־זשע געהט מען איצט?

ער טהוט א קוק — א פּאלאץ
פון מירמעל־שטיין און זילבער,
בעקרענצט מיט גרינס און בלומען,
עס פונקעלט, שיינט און בליצט...

ער קומט אריין... א גרויסע
קאפּעליע שפּיעלט א וויוואט...
דער זאל איז פול... „— מאזורקע!"
רופט־אוים א בת־קול... „— צא?

„מאזורקע?! הערסט א שכל! —
טראכט מיינער, — אדרבא,
אט וועל איך טאקע וויזען
זיי א מאזורקע דא!"

און שוין, כּהרף עין,
שטעהט נעבען איהם א דאמע,
א יפהפיה, ממש
א בת־מלכּה, א בילד.

פון קאפּ און ביז די פּיאטעס
מיט פּעריל אבגעשאטען,
בעשפּריצט מיט איידעל־שטיינער,
אין זיידענס איינגעהילט.

פאן קאזימיר וואשליאפּסקי
פּערדרעהט די לאנגע וואנצעס,
בויגט־אויס די ברוסט, חאפּט־אונטער
די בת־מלכּה און פליהט!...

די שפּארען קלינגען קונציג,
עס פלאטערען די ארבעל
פון מענטיק אין דער לופטען
דער פּרצוף זיינער גליהט.

די אויגען שיטען פונקען
ווי אין די יונגע יאהרען...
„— אלט־פּוילען! מאטקא סליטשנא!
לעב־אויף, וואך־אויף פון שלאף!

„ביי'ם קרול אין פּאלאַץ, אפשר,
פלעגט זיין אזא מאזורקע
צו זעהען... פפו! גוט איז דאס,
זאל אבער זיין א סוף.

„זיך צו־זעצען א ביסעל
ערלויבט מיר, ליעבע דאמע!"...
נאר, קוים ער פּרובט זיך זעצען,
עס לויפען־צו א פּאר

מחבלים, חאפּען־אונטער
דעם פּאן: „— ניין, ליעבער ברודער,
דא זיצט מען ניט — דא טאנצט מען!...
פערשטעהסטו? קורץ און קלאר:

„האסט אנגעהויבען טאנצען —
איז טאנץ! א פרייען אטעם
דערוועג זיך ניט צו חאפּען;
קיין אברוה און קיין שלאף!

„טאנץ, ביז עס וועלען ווערען
פערהילצערט אלע גליעדער,
פערקלעמט דאס הארץ, און נאכדעם —
טאנץ ווייטער! אהן א סוף!"...

איך זעה דיין ביטער שמייכעל,
איך הער דיין זיפץ דיין טיעפען.
אָי, יודישע נשמה!
אָי, קראנק און עלענד קינד!

ביזט אויך דאס גאנצע לעבען
א נאכטאנצער געוועזען,
נאך שאטענס און נאך ווינדען
געלאפען ווילד און בלינד;

נאך אייגענע שתדלנים,
נאך יארמעלקעס נאך קלוגע,
פון וועלכע ס'פלעגט דער גלות
דיר ווערען צוקער־זים:

ווער רעדט — א מעשין קנעפיל!
עס פלעגט דיך ממש ווארפען
אין א קדחת־טענציל
פון קאפּ און ביז די פיס!...

און אט איז ער, דער גיהנום
דער פרעהליכער, אט איז ער!
צוויי יאהר מיט די קאדעטען
געטאנצט... אָי, פיס געשטעלט.

נעסאפּעט און געדרעהט זיך...
א חתונה געוועזען,
וואס מ'האט נאך ניט געזעהען
אזעלכע אויף דער וועלט...

דער גוטער פּריץ דיינער,
דער זיסער מליץ יושר...
וואס פאר א ליעב קאדרעלכעל
האט ער געטאנצט מיט דיר!

ווי צוגעשמייכעלט פריינדליך!
ווי ק'נציג מיט'ן פּאבער
נעפּאכט, מיט חניפה־הנ'דליך
געשאטען אהן א שיעור...

דערטאנצט ביז קראמפּף אין הארצען,
דערדרעהט זיך ביז חלשות...
„— א ביסעל לופט געניסען!
דעם אטעם חאפּען ניט!"...

„— ניין! — זאגט דער וויסטער מזל, —
ניין, ברודערקע, א טעות:
צי האסטו איצטער חשק,
צי ווילסטו יא, צי ניט, —

„נישטא שוין איצט קיין ברירה;
דו וואלסט שוין אפשר וועלען,
מען זאל אויף דיר פערגעסען...
ניין! ווי א שטורמווינד

„חאפט־אונטער דיך און שליידערט
אין אקטיאבריסטען־רומפּעל:
טאנץ, יודישע נשמה!
טאנץ, ארים, עלענד קינד!"...

בײ'ם רויטען פײער'ל.

(א חלום אויפ'ן וואָהר).

א געדיכטער, גרויער נעבעל... ניט ליכט, ניט שאטען, ניט נאַכט, ניט טאָג... צייטענוויַיז שטראַלט=אויף ווי א ריעזען=קרוין די ווייטע נאָרדשיין, טהוט א בליץ, א פלאַקער איבער'ן הימעל — און דער נעבעל ווערט נאָך געדיכטער און טיעפער...

אינ'ם אַלטען, ווילד=בעוואַקסענעם וואַלד צאַנקט א רויט פײער'ל. בײ'ם פײער'ל זיצט א קעסעלע, פון וועלכען עס שלאָגט א געדיכטע, שטאַרקשמעקענדיגע פאַרע. א גרויע, העסליכע מכשפה מישט אינ'ם קעסעלע און מיט א הייזעריגען געלעכטעריל קוקט זי זיך אַיין אין דער פינסטערניש...

צו'ם פײער'ל געהט צו דער מיניסטער.

דער מיניסטער

די צייטען, זאגט מען, בייטען זיך; דאס לעבען
בעגייט זיך ווי די פעדערען בײ'ם אדלער;
און דאך, בעטראכט, וואס עס פאסירט אמאל
אויף אונזער וועלט, אויף אונזער נאריש וועלטיל:
כמעט דריי טויזענד יאהר איז שוין אוועק —
און, זעהט איהר, אקוראט אזוי ווי שאול

המלך, נעביך, האלטענדיג שוין שמאל,
טהו איך זיך ווענדען צו דער סטרא אחרא,
צו שפרעכערקעס, צו זנאחערקעס, מכשפות,
זוך הילף ביי יענע בייזע, שווארצע כחות,
פאר וועלכע יעדער גוטער, פרומער קריסט
דארף מורא האבען ערגער ווי פאר פייער.
נאר וואס־זשע קאן איך טהון? איך מוז דאך זוכען
א מיטעל האטש א וואסערען ניט איז...
נו, אלטע! בלאז־זשע איף דאס פייער העלער
און רוף ארוים פון יענער וועלט האטש איינעם,
וואס זאל אנ'עצה געבען מיר — א קלוגע,
א רעכטע עצה... נו־זשע, אלטע, נו!...

די מכשפה בלאָזט און שפרעכט און פאָכט מיט'ן פארטוך... אין דער פארע, וואָס שלאָגט פון קעסעלע, ציהען זיך אוים איינער נאָכ'ן אנדערן דריי שאָטענס.

I.

דאן פעדרא ארבועץ

פרעזידענט פונ'ם אינקוויזיטארישען בית־דין אין סאראגאָסאָ.

מיין חבר! שווער איז דיר און ביטער;
ליעגסט, נעביך, אין דער קלעם...

איך בין אנ׳אלטער אינקוויזיטאר,
איך האב א גרויסען שם.

און אויב דו ווילסט מיט מיר זיך האלטען
אנ׳עצה קורץ און גיך —
געה מיט׳ן נוסח מיט׳ן אלטען
און טהו אזוי ווי איך:

די הויכע וועגד, די שווארצע שלעסער
מיט איינגשאפט, הונגער, קעלט —
ניטא ניט זיכערער, ניט בעסער
קיין תרופה אויף דער וועלט.

איך האב אין שפאניען פארצייטען
אויף נסים ניט געווארט —
געיאגט, געהאפט פון אלע זייטען,
געבונדען און פערשפארט;

עס פלעגען פלייסיג די תלינים
טהון זייער ארבייט דארט...
און אויב עס פלעגט דער עזות־פנים
ניט בלייבען אויפ׳ן ארט,

פלעג אויפ׳ן פלאץ איך שטעלען גערען
א שייטער הויך און ברייט —

און כּולו כּליל פלעגט ער ווערען
דארט לעבעדיגערהייט!...

דער מיניסטער

א דאנק דיר, זיידע פאר דער עצה. אמת,
דיין מיטעל איז אין עצם ניט קיין שלעכטער,
ס'איז אבער דא א מניעה'לע, פערשטעהסטו —
מיין ליעבער פריינד, איך האב דאס שוין געפּרוּבט:
אין מיינע טורמעס, פעסטונגען, אסטראגען
איז שוין ניטא קיין ווינקעלע קיין פרייעס,
מען חאפּט און זעצט אריין אהין טאג־טעגליך
אי אלט, אי יונג, אויף וועמען נאר עס פאלט
דער קלענסטער חשד. אין תפיסה זיצען איצטער
דאקטוירים, אינזשענערען, אדוואקאטען,
עס זיצען פּראפעסארען און סטודענטען,
עס זיצען אפיצירען. דו וואלסט קוקען
און קלייבען נחת: ארעסטירט אינאיינעם
אנ'ארבייטער מיט א פּריוואט־דאצענט,
א גענעראל מיט א קורסיסטקע. כּ'לעבען,
איך ווייס שוין ניט וואוהין צו זעצען זיי,

און זעצען וואלט מען דארפען נאך מיליאנען!...
פערשטעהסטו שוין, אז דאס איז ניט קיין פלאן,
און וואס דו זאגסט „אאוטא־דא־פע”, איז וואלסטו,
דאן פעדרא, ליעבער אלטער אינקוויזיטאר,
בעדארפט ביי אונז א פאדמאסטעריע זיין,
פון אלף־בית זיך לערנען די מלאכה:
אין טאמסק, אין טווער, אין מאסקווע האט מען שייטערס
אזעלכע אנגעצונדען, אז דער הימעל
איז שווארץ פון רויך געווארען און צושפאלטען
די ערד פון היץ... אין דיינע צייטען פלעגען
דערביי די גלעקער אין די קלויסטערס קלינגען
און די גלחים זינגען „הללויה”.
איצט פייפען חוליגאנעס און באסיאקעס,
מען פייפט, מען טאנצט, עס גיסט זיך און עס קלינגט
א ווילד געלעכטער, ווי אין טאמסק, למשל,
בשעת דארטען האבען זיך אין פייער
געפרעגעלט מענשען לעבעדיגערהייט!...
יא, ליעבער פריינד, דאס אלץ איז שוין געוועזען,
נאר וואס־זשע איז די פעולה, אז עס העלפט ניט,
עס העלפט ניט, ברעך די צווייגען, רייס די בלעטער —
די ווארצלען בלייבען אבער טיעף פערבארגען

און גיבען נייעם וואוקס און נייע קראפט
דעם עץ־החיים און דעם עץ־הדעת —
זיי אויסראטען איז ניט אין מיין רשות!...

II.

המן בן המדתא

פרעמיער־מיניסטער ביי אחשורוש'ן

מיין עצה איז פשוט:
אנ'ארדנונג צו מאכען,
די הערצער דערשטיקען,
די מיילער פערמאכען
און צו דער קראמאלא
זאל קומען א סוף —
קאן העלפען דער אלטער
„פתשגן־הכתב"
(געדענקסט? מיט'ן קורצען
און פשוט'ען פירוש),
וואס מיר האט געגעבען
אמאל אחשורוש

אין שושן־הבירה,
אזוי ווי עס שטעהט
געשריעבען אין פסוק:
„להרוג ולאבד!"
דער פלאן איז, בלי ספק,
דער גרינגסטער און בעסטער:
דיר וועלען ניט שטערען
ניט מרדכי, ניט אסתר
דיין ציעל צו דערלאנגען,
דערגרייכען דיין צוועק;
„בטבעת המלך" —
און אוים מיט אנ׳עק!...

דער מיניסטער

ניין, ברודער, ניין! דיין פלאן טויג אויף כפרות,
אז אחשורוש מלך טפש היה,
דאס ווייסט די וועלט פון לאנג. נו, זאג אליין,
צי איז דאס ניט א טפשות? פריהער געבען
דיר, המנ׳ען, דעם רשות א תל צו מאכען
פון אלעמען — און אין פיער טעג ארום

דעם כתב־יהדות מבטל זיין און געבען
אנ'אנדער כתב און אקוראט קאפויר!
ניין, ברודערקע, איצט טהוט מען דאס להיפך,
איצט גיט מען א בעפעהל ארוים, און וועלכען
עס שטעהט געשריבען: „פריי זאל זיין די לופט
און פראנק און פריי די וועלדער, פעלדער, טייכען".
נו, דוכט זיך, קורץ און גוט? נאר א פאפיר
איז ווי א ווייכע ליים אין האנד ביי'ם טעפער —
און שטעקען שטעקט דער גאנצער קונץ אין דעם,
מען זאל אזוי די ווערטער קענען טייטשען,
אז קיינער זאל ניט קאנען טהון אנ'עטעם
א פרייען, קיינער זאל א טראפען וואסער
ניט טארען נעהמען צו דערפרישען זיינע
פערשמאכטע ליפען, און קיין טריט ניט טהון
ניט רעכטס, ניט לינקס... פערשטעהסט, און וואס עס ליעגט
דער שכל דא, דער רמז, די כונה?
און זינט דער ערשטער „שרייבער" אינ'ם ערשטען
„פריקאז" האט שארף פערשפיצט זיין גענזען־פעדער
און אנגעהויבען צוקען, גרייזלען קונציג,
פון דעמאלט אן האט פלייסיג זיך געלערענט
די ביוראקראטיע אונזערע, זאל לעבען,

פאפירען שרייבען און פאפירען טייטשען
אזוי ווי עס פאסט פאר איהר... נאר וואס־זשע איז
דער פועל־יוצא פון די אלע קונצען,
אז סוף־כל־סוף העלפט דאס שוין אויך ניט...
גוואלד,
וואס טהוט מען ווייטער?!...

III.

יעמעלקא פוגאטשאוו

כ׳בין א קאזאק געוועזן אנ׳אנטלאפענער,
ס׳הייסט א מורד במלכות אנ׳אפענער,
כ׳האב חרטה אויף דעם און וועל גערען
א בעל־תשובה אנ׳ערנסטער ווערען.
פוסטע ווערטער האב איך פיינד:
דו געדענקסט דאך, ליעבער פריינד,
אלע מיינע דרכים;
דו געדענקסט, ווי כ׳פלעג אמאל
הענגען, טרענקען אהן א צאהל
פריצים און גלחים;
אז עס פלעגט אנ׳אפיציר

אין די הענד אריין צו מיר,
פלעגען מיר איהם בינדען
און די בלאנגאראדנע הויט,
אויף א צוגאב פארן טויט,
פון די פלייצעס שינדען.
הײנט פערשטעהסטו? קורץ און גיך!
דארפסט א פראוואקאטאר
אויף פאגראמען? מאך־זשע מיך
פאר א גובערנאטאר!
יאגען גרויס און קליין,
פלייסיג, ביזן ביין
שמייסען מיט נאגייקעס,
ביים אינטעליגענט
ברעכען פיס און הענד
ווערען מיינע שייקעס, —
און עס וועט פון זיי,
גלויב מיר, די קראמאלא
אין א וואך, אין צוויי
קריגען די מפלה!...

דער מיניסטער

ע׳עה, יעמעלקא! ביזט אויף יענער וועלט,
ווי כ׳זעה, איינגאנצען אויסגעוועבט געווארען.
דיין עצה אנדערטהאלבען הונדערט יאהר
צוריק וואלט זיין פאר מיר א נייעס נאך אפשר,
איצט אבער... איצט... איין קורלאוו, איין סליעפצאוו,
איין ניידגארט קלעקט אנשטאט א גאנצע באנדע
פון דיינע אטאמאנעס; דיין טשיקא,
דיין קאטארזשניק חלאפושא מיט דער חתימה
פון תלין אויפ׳ן שטערען, און שיגאיעוו,
און טשומאקאוו, און אלע חסידים דיינע —
זיי זענען א שמעק טאבאק איצט ניט ווערטה,
און דו אליין — א צוציק ביזטו, ברודער
א שנעק אנטקעגען א דראגון, א קאזאק
א היינטיגען. דו פיהלסט, ווי גרויס ער איז
דער אונטערשיעד? דו ביזט געווען א „מורד
במלכות״ און אנ„עובר על שבועתו״
א פשוט׳ער רוצח — און דו ביזט
דערפאר געשטעמפעלט מיט דער שווארצער חתימה
אויף אייביג... איצט איז אקוראט פערקעהרט:

איצט רופט מען דאס „מקים זיין די שבועה" –
דעם הייליגען און גרויסען חוב... פער'שטעהסט?...

דער מיניכטער בלייבט שטעהן א רגע פערטראכט און פלוצים חאפט ער זיך אויף פערציטערט ווי אנ'אבגעבריהטער...

(צו דער מכשפה)

שטעה, אלטע קליפה! כ'האב ערשט בעמערקט:
די אלע דריי, וואס האסט ארויסגערופען
פון יענער וועלט, פון גיהנום מיר צו געבען
אנ'עצה – אלע האבען זיי א סוף
א ביטערען געהאט און איינגענומען
א מיתה־משונה*)... דו האסט דאס בכיון
געטהון? אהא!... אוועק, אוועק פון דאנען
כל זמן ס'איז נאך ניט שפעט צו ניצול ווערען!...

טהוט זיך א ווארף אהן א זייט און ווערט פערשוואונדען אין דער פינסטערניש.

די אלטע שטעהט אויף, בויגט אוים דעם רוקען... אויף איהרע באקען צינדט זיך אן א רויזען־קאליר... פונ'ם קאפ צושיטען זיך לאנגע, זייד=ווייבע, גאלדענע לאקען... די אויגען איהרע פינקלען ווי צוויי העלע שטערען אין א זומער=אוונעד... דאס רויטע פייער'ל צוברענט זיך, פלאקערט און שיינט, און א כאר פון הויכע, פרישע, יונגע שטימען קלינגט און שאלט אינ'ם נעבעל:

---

*) דער אינקוויזיטאר פעדרא ארבועץ איז דער'הרג'עט געווארען אין קלויסטער אין סאראגאסא.

ארויס פון די קייטען,
ארויס פון דער קלעם,
אין שטרייט פאר דער פרייהייט,
אויף קידוש־השם!
אין אונזערע טרעהרען,
אין וועהטאג, אין בלוט
שעפ, פאטערלאנד, האפנונג,
שעפ קרעפטען און מוטה!
קיין פחד, קיין צווייפעל,
קיין טריט ניט צוריק!
צום לעבען צום נייעם,
צו פרייד און צו גליק.
חברים און ברידער!
ארויס פון דער קלעם,
אין שטרייט פאר דער פרייהייט,
אויף קידוש השם!...

דער טויטער חתן.

עס ברענט דער פראסט, די בוימער שטעהען
ווי אין תכריכים אנגעטהאן...
ווי אין א שדים־רומפּעל דרעהט זיך
דער ווינד, כאפּט אויף די ווייסע פאהן

און פּאטשט און פלאטערט אין דער לופטען...
די וויגע קלאנגט און ברומט, און זידט...
און אין דער פינסטער קלינגט פון קבר
א ליעד, א ווילד און שרעקליך ליעד:

„— אאוּ! אאוּ!... פליה, פליה, מיין קלאג־ליעד,
אויף בארג און טהאל, אויף וואלד און טייך!...
חברים ליעבע! ברידער מיינע!
אאוּ!... איך ליעג און ווארט אויף אייך...

„איך ליעג, פערוויעגט אין זיסען חלום...
די נאכט — זי ציהט זיך אהן א עק...
ניט ברייט, ניט לאנג איז מיין געלעגער,
צו־שווער אביסעל איז מיין דעק...

„נאר שטעהט... ווארט אוים... איהר קענט מיין כלה? —
מיין גאלדען הארץ, מיין זיסע טרייסט,
מיין קרוין, די בת־מלכה די קלארע?
און ווייסט איהר, ווייסט איהר, ווי זי הייסט?

„א הארץ, געוועבט פון טהוי און שטראהלען,
פון יוגענד־פרייד, פון פריהלינגס־לופט;
די אויגען איהרע זיינען בליצען,
דער אטהעם — ריינער בלומען־דופט.

„זי געהט — און שטיינער זינגען שירה
מיט פעריל שיט דער וואסערפאל;
פון יעדען בליק בליהט־אויף א ווייגשטאק,
אויף יעדען טריט פליסט־אויף א קוואל.

„דער ווייסער וואלקען איז איהר זעגעל,
דער רעגענבויגען איז איהר בריק...
אך, זאגט־זשע, זאגט — איהר קענט מיין כלה,
מיין גאלדען הארץ, מיין טרייסט, מיין גליק?

„אין „העלדען־גייסט" איז איהר געבורט־ארט
אין „קאמפף און זיעג" איז איהר געצעלט...
„פרינצעסין־פרייהייט", „פאלקס נשמה"
און „פאלקס־גליק" הייסט זי אויף דער וועלט...

„איך בין געוועז איהר חתן... הערט איהר?
ס'איז אלץ געוועז מיר ליעב און גוט, —
איך האב מיט פרייד פאר איהר געאפּפּערט
מיין הארץ, מיין גייסט, מיין מארך, מיין בלוט...

„דער טאטע האט מיך אבגעוואשען,
ווי צו דער חופּה צוגעגרייט;
די מאמע האט א העמד א נייע,
א שניי־ווייסע העמד מיר אויפגענייהט;

„די פּושקע האבען ווי כּלי־זמרים
געשפּיעלט דעם חתן „מזל־טוב"...
פערהיילט געווארען אלע וואונדען...
א גוטע נאכט! א זיסער שלאף!...

„און קדיש זאגט נאך מיר דער זיידע,
ס'זאל שטיל און זיס מיין רוה מיר זיין...
נאר וואס־זשע וויינסטו, אלטער זיידע,
פערברעכסט די הענד מיט קלאג און פּיין?

„צו אפשר מיינסטו ווירקליך טאקע,
אז איך בין טויט?!... ניין, זיידע, ניין!
איך לעב, איך לעב! איך פיהל! איך צאפּעל!...
אוים קדיש זאגען! אוים געוויין!...

„איך לעב און פיהל נאך הייסער, טיפער
ווי פריהער, פול מיט העלדען־מאכט;
איך קוק מיט טויזענד העלע אויגען
גליה־דורך די קאלטע, טויטע נאכט!...

„איך אטהעם איצט מיט טויזענד בריסטען;
אין טויזענד הערצער קאכט און זידט
מיט האס און צארען, קראפט און גלויבען
מיין בלוט, מיין קללה שאלט און פליהט.

„און פלאמט און פלאקערט אין דער לופטען...
איך חאפ ארום מיט טויזענד הענד,
צובייג, צוריים די אלטע קייטען,
צוברעך, צעווארף די אלטע ווענד!...

„ווארט, עלענד פאלק, דו, מלך־אביון!
פערשטיק דיין לייד, האלט איין דיין קלאג,
ס'וועט אויפגעהן דיין נחמה־שטערען,
ס'וועט קומען דיין דערלייזונגס־טאג!“...

. . . .

עס ברענט דער פראסט... די בוימער סקריפען...
דער בייזער וויכער רוישט און זידט...
איהר, אלטע, עלענדע און קראנקע,
איהר הערט דעם טויטען חתנ'ס ליעד?...

סקיצען.

I.

אבגעטהן זיין תלין־ארבייט,
פאהרט זיך פרעהליך, ווי פון באל,
מיט א ראפּארט צו נאטשאלסטווא
דער אדעסער גענעראל.

אינ'ם ראפּארט איז בעשריבען
אלץ – ווי פלייסיג דריי מעת־לעת
האבען הייסע רויטע שטראמען
זיך געגאסען אין אדעס;

וויפיעל מענשען דארט דער'הרג'ט,
וויפיעל הייזער אבגעברענט, –
און עס טריפט נאך אהן אנ'אויפהער
יודיש בלוט פון זיינע הענד.

און ביי איהם אין הארצען קאכט נאך,
זידט דער קוואל פון גיפט און גאל...
מיט'ן ראפּארט צו נאטשאלסטווא
קומט דער פיינער גענעראל;

און נאטשאלסטווא קושט און האלזט איהם,
גיט א טיעפען דאנק איהם אב...
קינ'ס זכות און המנ'ס גדולה
זאלען רוהען אויף זיין קאפ!..

*
*   *

ניידנארט פאהרט. באסיאקעס טאנצען,
דער המון, דער ווילדער פלעבס
שרייט „אורא!" און אויף דער קעלניע,
אויף דער קעלניע זיצט הערר קרעפס.

ער ראבינער דער אדעסער
פיהלט זיך גוט, אהן פורכט און שאנד.
און ער האלט מיט שטאלץ און ליעבע
א נאגייקע אין דער האנד:

איך בין – זאגט ער – א „קאזיאנער",
זיץ ביי יודען אויבען־אן,
דארף איך הערען, מוז איך פאלגען
וואס נאטשאלסטווא הייסט מיר טהאן"...

און מיט פרומע חנופה־אויגען
רוהיג קוקענדיג אויף דעם
ווי דער תלין גליהט די צוואנגען
דריקט און דריקט צונויף די קלעם.

שרויפט די יודישע נשמה
אינ'ם גרויסען, שווערען פרעס,
„ירום הודו! ירום הודו!"
זינגט דער תכשיט פון אדעס..

II.

זאגט, רבותים, וואס איהר ווילט אייך –
מיט א נוסח, מיט א סדר
געהט און קייקעלט זיך דאס וועלטיל
ווי אויף רעדער, ווי אויף רעדער.

פון די גאסען אבגערייניגט
די פערוואַנדעטע און טויטע;
קדיש־יתום קלינגט – און ווידער
פלאטערט, וועהט די פאהן די רויטע.

ביי דעם ליטווער, ביי'ם פאליאק,
ביי'ם גרוזינער, פריי און אפען,
קאכט און זידט די גרויסע ארבייט,
ניט אויף פרעמדע הילף צו האפען!

„אונזער געגענדו״ זינגט שירה פינלאנד
מיט א טיעפען, העלען פלאקער.
וואס־זשע טהוט דאס פאלק ישראל,
גאט׳ס בן־יחיד, גאט׳ס בן־יקיר?

גאט׳ס בן־יחיד וואוינט אין שכנות,
דאנקען גאט, ביי גוטע מענשען:
מיט׳ן לעט פערדרוקען טשאלענט
אין זיין אייוועז; אתרוג בענשען

מיט׳ן פאליאק אין זיין סוכה.
דא מיט דעם און דארט מיט יענעם
כלים כשר׳ן אויף פסח;
ברענען, גליהען ווי אין גיהנום;

מיט די הוילע הענד פון פייער
קוילען שארען; זידען, קאכען,
אין שאול־תחתיה קריכען
מיט׳ן שכן, מיט׳ן שכן;

און אליין? אליין, ווי פריהער,
מיט פערמאכטע, בלינדע אויגען
שטעהן און דיענען אלס א ציעל־פונקט
פאר דעם שונא׳ס פיילענבויגען;

בלוט פערגיסען מעהר פון אלע,
אנגסט און וועהטאג טיעפער פיהלען —
און ניט זיין אימשטאנד בעווייזען
זעלבסט־בעגעהר און אייגען ווילען.

צו דעם חי־וקים „פראזבעס"
אויפ'ן אלטען שטיינער שרייבען;
און אויף ברויט און אויף תכריכים
ביי דער וועלט נדבות קלייבען —

דאס איז אונזער אלטער מנהג:
טיעף אין אונזער לעבען זיצט ער,
און בעשיינט אונז און בעקרוינט אונז
ווי אמאל, אזוי אויך איצטער.

פון די גאסען אבגערייניגט
די פערוואונדעטע און טויטע;
קדיש־יתום קלינגט און ווידער
פלאטערט, וועהט די פאהן די רויטע.

אין אמעריקא, אין פראנקרייך
און אין ענגלאנד און אין פרייסען
זיפצען יודען, זיפצען קריסטען,
שרייען גוואלד און קריעה רייסען.

און פערמאטערט, איינגעהויקערט
און פעריאמערט ווי א חולה,
אין זאמיאטין פערעאולאק
זיצט און שוויצט די צדקה־גדולה.

דער זאמיאטין פערעאולאק
האט אויף תפלה און אויף צדקה
פונ'ם ליעבען פאלק ישראל
א חזקה, א חזקה.

תפלה, צדקה און... סטאטיסטיק!
און מען ארבייט, קלייבט נדבות,
און מען טרייסט זיך מיט בטחון
אויף זכות אבות, אויף זכות אבות.

תפלה, צדקה און סטאטיסטיק
מיט'ן אלטען, גוטען סדר —
און עס דרעהט זיך אונזער וועלטיל
ווי אויף רעדער, ווי אויף רעדער!...

III.

(א בריוועל פון שמוינעווקע)

„... דזין־דזין־דזין!... דאס גלעקיל קלינגט...
דזין־דזין־דזין!... א שליטעכער ענין!...
און אין צימער קומט אריין,
קומט אריין א גאנצער מנין...
ברוך־הבא, פיינע געסט!
זיצט מיר וועלען זיך ניט קריגען.
וואס? אנ׳אביסל מאכען? אך,
מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען.
זוכען, טאפּען דארף מען ניט,
ס׳ווארפט אליין זיך אין די אייגען:
נעהמט, א שטייגער, ליעבע פריינד,
דעם ל״ג־בעומר פיילענבויגען,
וואס מיט איהם פלעגט מאכען תל
מיין מלמד נחמן־ליפּע
פונ׳ם שטן, פונ׳ם סם,
מיט זיין מאמען מיט דער קליפּה...
באמבעס? ניין, אט איז א טוץ
כשר־קויהלען. ראסט און שימעל

ליענט אויף זיי; נאר גליהט זיי אן –
שלאגט א פארע ביזן הימעל!...
פראקלאמאציעס? דריי שטיק
פון דער סטרא דימינא:
א מזוזה ביי דער טהיר
מיט א מזרח – א קארטינע –
אויף דער וואנד, – און אויף דער ברוסט,
גאנץ נאטשאלסטווא אויף צו להכעיס,
אהן א רשיון פון צענזור
א קמיע פון קדחת!!...
באריקאדעס, פרעגט איהר? יא,
ס'ווייסט די גאנצע וועלט אודאי,
אז דער עירוב אויף דער גאס
איז מיין בעסטע באריקאדע
און מיין שטארקסטע הילף און שוץ
פון רציחות און פאגראמען...
„גלות" הייסט מיין פאטערלאנד,
„כל ישראל" איז מיין נאמען...
און דער המן־קלאפער קלאפט,
און, אויף פחד אלע שונאים,
פלאטערט די הקפות־פאהן –

דגל מחנה הקבצנים!...
אהן א קייט בין איך געשמיעדט,
אהן א שטריק בין איך געבונדען.
ווער עם זיצט, און איך — איך ליעג
אין געהאקטע וואונדען״!...

— — — — — — — — — —

„— אך, דאס אלטע קלאג־ליעד״!...
ניין!
ניט פערהאסט די שוואכע טרעהרען...
שרעקליך איז דער דארנען־קראנץ,
וועלכער שטעכט דעם אלטען שטערען!...

.IV

פינסטער איז אין צימעריל,
פינסטער, איינג און קאלט,
שרעק און פיין און וועהטאג
דריקען יונג און אלט.

„— גיב אונז עסען, מאמע!״ —
בעט דאס קראנקע קינד.
און פון קאלטען אייוון
רוישט און זינגט דער ווינד:

— וויינט ניט, ליעבע קינדערלעך,
שטיל און רוהיג זיצט:
ברויט איז צו טייער,
בלוט איז וואלוועל איצט״...

און עס פליהט דאס ווינדטעלע
אויפ׳ן פרייען פעלד, —
דארט, וואו אויף דעם פרישען שניי
ליעגט דער טויטער העלד:

פוסט און שטום זיין עלענד הארץ,
זיינע אויגען בלינד,
און זיין לייב צורייסען
הונגעריגע הינד.

און די שווארצע קראהען
אויפ׳ן ווייסען פעלד
קארקען „דע פראפונדים״
אונזער טויטען העלד...

הארך! א קלאג א ביטערער
געהט פון הייליג ארט...
בלייבע וואנדעל־פייערלעך
צאנקען דא און דארט...

צאנקען, שוועבען, וויעגען זיך,
פלאקערען מיט מאכט...
די מצבות ציטערען
אין דער שטומער נאכט...

הערסט דעם קלאג דעם ביטערען
פונ'ם הייליג ארט?
מתים נאך די לעבעדיגע
זאגען קדיש דארט...

V.

דער „שלח מנות-טרעגער" און „די גוט-יום-טוב-בעטער".

(א בריוועל פון שמוינעווקע).

הו־דהא! א טאג געווען — א יאהר!
געבליבען שיעור אהן כוחות גאר.
בערעכענען — סכנות.
וואו ער איז אויסגעווען דעם טאג
און וויפיעל מאל, אהן מאס, אהן וואג,
געטראגען שלח־מנות.
ס'איז איהם געווען אי קאלט, אי הייס,
געברענט, געפרוירען און אין שוויים

געווייקט זיך און געבאדען.
אלץ פאר כלי־קדש על פי רוב:
געטראגען לעקעכלעך צום רב,
צום פרנס־חדש פלאדען.
די שוחטים האבען זייער גאב
געהאט זיך: קישעלעך ווי באב
און המן־טאשען מאסען;
נו, פון מאראנצען רעדט מען ניט —
דעם שלח־מנות לויף און שיט
ווי האגעל אויף די גאסען!...
אי וואס? דער שכר איז ווערט א שפיי?
געבליבען בארוועס פון דאס ניי
און ציטערט ווי פון פיעבער
זאגט, ברידער, וואס איהר ווילט אייך דארט —
א „כלל־טהורער" געוועזען פארט,
געדיענט „לצרכי צבור"!...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

און איצט?... אויס פורים! אנגסט און נויט
צושפרייט ווי שאטענס פונ'ם טויט!
דער אלטער, שווארצער גלות...

ווי פריהער בלאזט דער קאלטער ווינד
ווי פריהער רייסען בייזע הינד
די לעבערדיגע פאלעס...
דערפאר איז איצט א גוטע צייט
פאר די בעריהמטע, פיינע לייט,
פאר די גוט־יום־טוב־בעטער —
אויף „ברכה“ געהן אהין, אהער,
צו א מחותן, צו א שווער
און צו א רייכען פעטער,
און אויפ'ן אלטען שטייגער דארט
א ביסעל יי״ש, א ברעקיל טארט
בעקומען פון שדים...
אח, דאס גוט־יום־טוב־בעטען געהן
איז אונז פון אייביג ליעב געוועזן
און איז ליעב עד־היום...

דער נייער ראַבּינער.

(אַ באָבע־מעשה)

אין בּן דוד בּא אלא בּדור
שכּולו זכּאי או שכולו חיב.

משיח וועט קומען נאָר אין אַזאַ
דור, ווען עס וועלען זיין אָדער
אלע צדיקים אדער אלע רשעים!

(אַ גמרא).

אין פּיצריווקע, דארט
וואו עס האבּען זיך יודען
געלעבּט פון פארצייטען
אין פריינדשאפט און פריעדען.

געפיהרט זיך אין אלץ
נאכ'ן יודישען ארט
און נאר אויף משיח'ן
רוהיג געווארט,

האט פּלוצים זיך עפּעס
אזוינס אנגעהויבּען,
וואס נעהמען אין פלוג
איז דאס גאר ניט צו גלויבּען.

פון אנפאנג איז עפּעס
א מין יונגענמאן
ארויף אויפ׳ן זין
גאר א קונציגער פּלאן:

דהיינו — א שקאלע
אין פּיצריוועקע מאכען,
און לערנען — פער׳שטעהט איהר דאך
וואס׳ער סארט זאכען.

דערנאך האט מען — כ׳קאן איך ניט
זאגען פאר וואס
און ווער — אויף די מקוה
דערלאנגט א דאנאס;

געקומען דער דאקטאר,
דערנאך דער קווארטאילנע,
בקיצור, מען האט זי
פער׳חתמ׳עט פארמאילנע.

פער׳חתמ׳עט — און גאר ניט,
גאנץ שעהן און גאנץ פיין:
מען קינדעלט זיך, גלייך
ווי עס דארף אזוי זיין.

אין גיכען נאך דעם
דריי מנינים פערשלאסען,
און טאקע, פערשטעהט איהר מיך,
אויך פון דאנאסען.

דערנאך... נאר דערצעהלען אייך
קורץ — ס'איז אין שטאדט
געווארען פאריאדקעס
צו שאנד און צו שפאט:

מיט זאנטיקלעך שבת
שפאציערען זיך ווייבלעך,
אראב די פאריקעס,
פערווארפען די הייבלעך,

אין חדר געהען יונגלעך
ליעגט גאר ניט אין קאפ:
טרפניאקעס ווי מיסט
און גילוחים ווי באב;

ניט נעהמען א ספר
אין האנד אויף א ווייל,
ניט הערען א מגיד,
ניט פרעגען א שאלה,

געווארען — חאטש נעהם
אלע שוהלען פערשפאר —
א קלויז דער טהעאטער,
א שוהל דער בולוואר;

ווער דאוונען, וואס פאסטען,
ווער האלט פון דעם ענין!
אפילו צו שחרית
איז זעלטען א מנין;

מען זיצט מיט די קארטען
אין קלוב גאנצע נעכט;
ניט שבת, ניט יום־טוב...
בקיצור, ס'איז שלעכט,

שלעכט, ברידער! וואס זאל איה דא
ברייגגען אייך ראיות —
דורכאוים אפיקורסים
און פשוט הולטאיעכ

גאר אויסגעטהון, ממש,
געמאכט א מחק
פון אסור ומותר,
בכלל פון תרי"ג.

און וואו? גוואלד, אין פיצריווקע!
סטייטש, אין א מקום
וואו ס'פלעגט יעדעס יונגעל,
חאטש שנייד איהם און בראק איהם

ניט אבטרעטען, זאג איך אייך,
ממש א טריט
פון דעם וואס פאר גאט
איז מחויב א יוד

און וואו ס'וואלט געווארען
א דור שכולו זכאי
ווען ס'וואלט ניט געווען
נאר די איינציגע מכה —

דער וויסטער אפטייקער —
איין יוד נאר אין שטאדט —
וואס האט ניט געוואלט
גאר ניט וויסען פון גאט,

ניט דאוונען, ניט פאסטען
און חזיר מיט ראקעס
געגעסען כמנהג
פון אלע טרפניאקעס...

איצט אבער... וואס טהוט מען? —
א יאהר האט געטראכט
דער עולם אין שטעדטיל
און איינמאל פארנאכט

(כ׳ תמוז, איך זאל אייך
ניט זאגען קיין ליעגען)
בשעת אין פיצריוועקע
מעלקט מען די ציעגען,

א הסכם געמאכט
גאר ניט נאריש: היות,
אזוי ווי די זינד
זענען שרעקליך שוין גרויס

און ווארטען, ס׳זאל וויעדער
א דור שכולו זכאי
דא ווערען, געשיקט זיך דאך
גאר ניט; איז טאקע

דאס בעסטע, אז די
וואס זיי האבען אין שטאדט
ביז איצט נאך א ביסעל
געהאלטען פון גאט,

פון יודישקייט; זאלען
די תורה פערשטערען,
עס זאל שוין א דור
שכולו חיב דא ווערען

און — ווי די גמרא זאגט —
זעהענדיג דאס,
זאל קומען משיח —
און אוים, מילא וואס?...

גערעדט און געטהון,
איהר פארשטעהט, אז אֵין ברירה
האט יעדער געמוזט דאך שוין
טהון אנ׳עבירה.

אודאי, עס איז
לכתחילה געווען
ניט גרינג, אלא וואס?
דער, וואס סטארעט זיך, קען:

למשל: פעציא
פיש, לאקשען, און שפעטער —
א קוגעל מיט חֵלב,
און טאקע א פעטער...

מיט גענזען־שמאלץ ראקעס
געהאקטע; פאר נויט!
א פשוטע קאשע
פערפראזשעט מיט קנויט.

פע! — זאגט איהר? — ס'איז הערענדיג
נודנע געווארען?
איך וועל זיך, רבותים,
מיט אייך דא ניט ספארען,

אודאי, מען קאן פון דעם
ברעכען די גאל,
נאר וואס זאל מען טהון?
— ס'איז לטובת הכלל.

ניט הלכת אכילה —
נעהמט אנדערע זאכען
אבי נאר צו חרפה
דאס יודישקייט מאכען.

היינט יענע עבירות —
איהר שטויסט זיך דאך אן —
וואס זיי איז חוץ אלץ
גאר א תענוג צו טהון...

גאנץ גוט, אבער הערט
וואס עס האט זיך געטראפען:
בשעת גאנץ פיצריוקע
האט שוין גאר אפען

עבירות געטהון;
קליין און גרויס, יונג און אלט —
דערוויסט מען זיך אין שטדטיל —
וואס מיינט איהר? — א גוואלט.

איין יוד איז געבליבען,
וואס שרייט אין איין אטהעם:
ער וויל ניט, ער וויל ניט,
חאטש ברען איהם און בראט איהם.

ער וויל ניט פערשטערען
דאס הייליגע געבאט;
זאל זיין וואס עס וויל,
ער פערלאזט זיך אויף גאט.

עס העלפט ניט קיין ריידען,
קיין פשט און קיין חקר...
און ווער איז דאס, מיינט איהר
געווען? — ד ע ר א פ ט י י ק ע ר!!

יא, יא, ליעבע ברידער,
אט דער גראבער יונג,
וואס וואלט זיך אויף עברי
צובראכען די צונג,

פערגעסען שוין אלף־בית
כ׳ווייס וויפיעל יאהרען:
איז ער מיט אמאל
א בעל־תשובה געווארען.

א יוד טאקע גאר,
ווי מען זאגט, פערווי־סארט:
האט אויפגעהערט גאלען
און שערען די בארד,

און רויכערען שבת
אין גאס פאפיראסען...
מען טענה׳ט מיט איהם
מיט א יודישען לשון —

עס העלפט אבער ניט.
אזוי לאנג, אזוי ברייט —
דער פלאן איז געווארען
צו־נישט — איהר פערשטעהט?

אז באלד אויף משיח'ן
איז דער בטחון
אזוי ווי עס רעדט זיך,
געווארען צוקראכען.

היינט וואס טויג עבירות טהון?
ניין, — גאר פערקעהרט...
דער עולם האט באלד טאקע
גוט דאס בעקלערט,

האט אומגעקעהרט ווידער
די אלטע מנהגים,
דעם הייליגען סקלאד
מיט די דינים און סיגים —

מען דאווענט, מען לערענט,
מען קרעכצט און מען שוויצט,
מעןווארט אויף משיח'ן
דארט נאך ביז איצט.

היינט פרעגט זיך, וואס מאכט
דער געוועזענער רשע?
(איך מיין, דער אפטייקער)
רבותים, נישקשה:

ער האט אין גאנץ פּיצריווקע,
בּרוך־השם,
פון דעמאלט בּיי'ם עולם
בּעקומען א שם.

מיט חברה־חיטים
טרינקט אפט ער לחיים,
און חאטש ס'איז איהם הרבּה
די עבּרי עד היום

אזוי ווי דעם גרעסטען
עם־הארץ אין שטאדט,
נאר דאס האט צום ענין
איהם גאר ניט געשאדט,

און חאטש אלע ווייסען
בּיי איהם דעם חסרון —
אין פּיצריווקע איז ער
ר א בּ י נ ע ר געווארען...

א מעשה׳לע

פון א געוועזענעם ערד־ארבייטער.

א דערפעל איז פערהאנען,
עס הייסט באבראווי־קוט *);
אמאל איז דארט געשטאנען
מיין וויעגעלע... און גוט

און זים איז מיר געגאנגען
אין יענער ליעבער צייט:
דארט האבען געלע זאנגען
געדווישט פון יעדער זייט.

דארט האט די גרינע בלעטער
א ווינטעלע געוויעגט;
א ליעבעס, זיסעס ווינטער
מיין יונגע ברוסט געקוויקט.

---

*) א יודישע קאָלאָניע ארום חערסאָן, רוסלאנד.

עס הארעווען דארט יודען
פון קינדווייז ביזן טויט,
און עסען דארט אין פריעדען
א אייגען שטיקעל ברויט.

פערגאנגען זענען יאהרען,
איך בין פון דארט אוועק —
בין צוגעגרייט געווארען
גאר צו א אנדער צוועק:

ניט מיט דער סאחא געהען
פון ארימקייט און נויט,
און אקערען און זייהען
אלץ פאר דער שטיקעל ברויט.

ניין; שטארק איז ווי א צעדער
און שטאלץ מיין הארץ און מיר;
מיין סאחא איז די פעדער,
מיין פעלד איז דאס פאפיר!

די פעדער איז מיין סאחא,
מיין פעלד איז דאס פאפיר,
און וואס פאר מזל־ברכה
איז אנגעגרייט פאר מיר!

— מען לעקט פון מיר די פינגער,
עס קלינגט מיט מיר א וועלט;
חאטש וואס איז, דאכט זיך, גרינגער —
מאך ליעדלעך און נעהם געלד.

יא, איך מאג זיין צופריעדען,
ניט ערגער ביזן טויט.
איינם פעהלט נאר, ליעבע יודען,
נאר איינם —
דאס שטיקעל ברויט!...

גראף לעא טאלסטאי׳ס ווערקע.

בעארבייטעט אין אידיש, פון ד. מ. העדמאלין.

איוואן איליטש׳עס טויט, א שילדערונג איבער דעם איבערגאנג פון לעבען צום טויט, וואס מען דעקט און פיהלט אין דיא לעצטע מינוטען פון לעבען. 10

איוואן דער נאר, דיעזער בוך שילדערט פאר אונז בילד, א וועלכעס עפענט אויף אונזערע אויגען צו זעהן א נייע וועלט מיט נייע מענשען. 3

איך און מיין מאן, א שילדערונג איבער דער אונגליקליכקייט אין פערהייראטעטען לעבען, און וועלכע הייראטה עס פיהרט צו גליק, און וועלכע צו אונגליק. 5

אננא קארענינא, א שילדערונג איבער דיא ליידענשאפט פון א יונגע שעהנע פרוי, ווען זיא פאלט אריין צו אן עלטערן אבגעלעבטען מאן אונד פערליעבט זיך ענדליך אין א פרעמדען יונגען און שעהנעם מאן, וויא אזוי זיא ליעבט, ליידעט, געניסט פון איהר רייץ און פאלט ענדליך אלס אפפער פון דער ביטערער שלאנג—אייפערזוכט. 25

טאלסטאי׳ס ביאגראפיע, א בעשרייבונג איבער זיין לעבען, ווירקען און איינפלוס איבער זיינע מיטמענשען, מיט א ביילאגע פון זיין בילד. 3

מיין וידוי, א שילדערונג, צו וועלכען צוועק מענשען זיינען בעשאפען געווארען, לעבען אויף דער וועלט און ליידען צרות. 10

מיין פריינדס פרויא, א שילדערונג איבער דיא געמיינהייט און פערדארבענהייט וואס פאלשע ליעבע קען ארויסברייננגען. 10

דער נסיון, א שילדערונג איבער דעם קאמפף פון אנשטאנד מיט אויסגעלאסענהייט, פון מאראל מיט פערדארבענהייט, און פון עדעלען מענער-מוטה מיט ערניעדריגטער פרויען-שוואכקייט. 10

פאליקושקא, א בילד פון דעם בויערישען לעבען אין רוססלאנד. 10

דיא פערפיהרונג, א שילדערונג איבער אזא סארט לעבען, וואס איז פול מיט מענשליכער אויסגעלאסענהייט און פערדארבענהייט. 10

דיא צווייי דורות, א שילדערונג פון דעם רוסישען לעבען, איבער ווייער אונ־
טערהאלט, בעלער, חתונות, ציגיינער טענץ און קארטען שפיעל, 10

דיא קרייצער סאנאטא, א שילדערונג איבער דער פערדארבענהייט און
פערהייראטהעטען לעבען, עס ווערט בעוויזען מיט פאקטען, או קיין
אמת'ע ליעבע עקזיסטירט גאר ניט אין דער מענשהייט, עס איז נור בלויז
לוידענשאפט, פאלשקייט און בעטרוג, 10

קריעג און פריעדען, אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט דער בלוטיגער
יאהר 1812, ווען נאפאלעאן האט איינגענומען גאנץ אייראפא, דיא מפלה
פון דעם גרויסען קריעגס העלד אין מאסקווא, און דיא גאנצע פאליטיק
פון אייראפא צו יענער צייט, דאס איז דער גרעסטער און בעסטער ראָ־
מאן וואס גראף טאלסטאי האט געשריעבען, 50

תחית המתים, א שילדערונג, וויא איין אלטער בעל־עבירה'ניק ווערט א בעל
תשובה און וויל גוט מאכען זיינע אלטע חטאים, 15